STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06243

DER SHIKZAL FUN A FOLK

Raphael Burstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ירחמיאל בורשטיין

דער שיקזאל פון אַ פאָלק

THE VERDICT OF A NATION

ווען א פרוי שטאָלצירט

WHEN A WOMAN DOMINATES

פרייז $1.50

פארלאג בראָנזוויל

ניו יאָרק, 1920.

Copyright 1921
by
Raphael Burstein

פינסקי־מזל פרעס, אינק.,
84 באוערי, ניו יאָרק, נ. י.

דער שיקזאַל פון אַ פאָלק

סימבאָלישע דראַמאַ מיט אַ פּראָלאָג
אין פיער אקטען

מיין ליבען פאַטער
איתמר בורשטיין
אַ מתנה

פערזאנען:

ברוך פרומאן, א פאסעסאר, 50 יאהר אלט.
רבקה, זיין פרוי, 45.
משה, זייער זוהן, 18.
רחל, א טאכטער, 17.
חייקע, א צווייטע טאכטער, 12.
גדליהו שטיינבערג, א סוחר, 45.
דוד, זיין זוהן, 18.
יאנקעל ראנעס, א ניקאלאיעווסקי סאלדאט, 60.
אליהו, א מוכר ספרים'ניק, 70.
געלטמאן, א מעקלער, 35.
נאוואבראנצעס.
מענער און פרויען.

צייט: געגענוואַרט.
אָרט: רוסלאנד.

דאָס רעכט פון אויפפיהרען געהערט צום מחבר.

פראָלאָג

יום כפור ביי טאָג אין הימעל.

דער כסא הכבוד אין דער הויך, עס ברענט אַ גרויס פייער, עס הענגט אַ וואָגשאָל מיט אויפשריפטען „מצות און עברות", פון ביידע זייטען צוויי ליובען, איינער האַלט אין מויל דאָס וואָרט „לעבען", דער צווייטער — „טויט". איידער דער פאָרהאַנג געהט אַרויף, הערט זיך דאָס וויינען פון אַ סך מענשען און דער געזאַנג „הנה יום הדין, הנה יום הדין". דער פאָרהאַנג הויבט זיך לאַנגזאַם, דאַן דערהערט זיך אַ דונער און אַ בליץ, עס פליהען אַריין אַ סך מלאכים, שטעלען זיך אין צוויי רייהען, בוקען זיך און זאָגען „ה"ד אחד ושמו אחד".

בת קול

קטיגור! און סניגור! אַריין!

עס קומען אַריין צוויי מלאכים, איינער אָנגעטאָן אין גרויען מיט שרעקענדיגע אויגען, דער צווייטער אַ העלען אנצוג, בלאָנדע האָר, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען. פאַרבויגען זיך.

בת קול

קטיגור! וואָס האָסטו אויסצוזעצען געגען מיין פאָלק ישראל?

קטיגור

מלך מלכי המלכים, דיינע אויסערוויילטע קינדער זיינען זינדיג געגען דיר, ניט נאָר זייערע מעשים זיינען פאַרברעכעריש, נאָר אויך זייערע מחשבות, זיי דיינקען נאָר פון שלעכטס, גנבה, גזלה, זנות, שוא, ושקר. דו האָסט באַשאַפען דעם מענשען און האָסט איהם געגעבען צווייערליי געדאַנקען דעם יצר הרע און דעם יצר הטוב, אַ גוטען און אַ שלעכטען געדאַנק, אום ער זאָל זיין פריי, און אַליין צו ענטשיידען וועמען פון זיי ער זאָל פאָלגען, זיין שיקזאַל איז אין זיינע הענט, אָבער וואָס האָט ער געטאָן? זיך איבערגעגעבען

צום טייוועל, פארשטויסען דאס גוטע און פראקטיצירט
דאס שלעכטע.

מלאכים

פארניכטען די שלעכטע, טויט צו די פארברעכער!

קטיגור

האסט איהם געגעבען א מח און א הארץ, צום דענקען און
פיהלען גוטס, איידעלעס, און מיטלייד צו זיינע מיטמענשען.

בת קול

און וואס טוט ער?

קטיגור

ער! טראכט פון שלעכטס, פארפירען, אפנארען דעם צוויי־
טען.

מלאכים

פארניכטונג און טויט!

קטיגור

האסט איהם געגעבען אויגען צום זעהן און אויערען צום הע־
רען דאס וואס עס איז געשריבען אין דיין הייליגער תורה
אום זיך אפצולערנען גוטע געוואהנהייטען.

בת קול

טוט ער דאס ניט?

קטיגור

מיט די אויגען קוקט ער וואו מען טאר ניט, מיט די אויערען
הערט ער שמוציגע רייד און רכילות.

מלאכים

פארניכטונג און טויט צו די פארברעכער!

קטיגור

האסט איהם געגעבען א מויל, א צונג, א גומען צו פריידיגען
דיין הויכע איידעלע לערע, טרייסטען דעם אומגליקליכען.

בת קול

וואס דען טוט ער?

קטיגור

און ער רעדט לשון הרע, ליגענס, שפאט, קרינערייען און
קללות.

מלאכים

טויט און פארניכטונג צו די ווידערשפעניגער!

קטיגור

מיט די הענט, וועלכע ער האָט אום אַרויסצוהעלפען דעם מידען, גנב'עט ער און ראַבירט, און די פיס נוצט ער נאָר צו שלעכטס און ברוטאַליטעט.

מלאכים

אַ פלוך אויף ישראל'ס קאָפּ, טויט! טויט!

קטיגור

נים אויס דיין צאָרן אויף זיי, פארשרייב זיי אין דיזען צע־טעל. ציינט אויף דעם „טויט צעטעל". עס דונערט און עס בליצט. עס הערען זיך די געוויינען.

בת קול

סניגור! מיט וואָס קענסטו פארטיידיגען מיין פאָלק ישראל?

סניגור

פארבויגט זיך.

ה' אל רחום וחנון! דיין פאָלק ישראל איז נאָך איצט אויך זויבערער, מאָראַלישער פון אַלע אנדערע פעלקער, ער איז דער איינציגער, וועלכער היט אָפּ דיין תורה, דיין לערע, און אויב ער טוט אמאָל אַ פארברעכען געגען דיר, איז דאָס ניט אום דיך צו ערגערען, ניין! עס איז די פרנסה, די איבער־געגעבענהייט צו זיין פאַמיליע, דער שרעקליכער קאַמף פאַר דער עקזיסטענץ, וועלכעס ברייננט איהם צו טאָן שלעכטס.

מלאכים

מיטלייד און רחמנות אויף דעם שוואַכען.

בת קול

רעדט ווייטער!

סניגור

ארומגערינגעלט מיט שונאים פון אַלע זייטען איז דיין פאָלק ישראל, מען יאָגט, מען טרייבט, מען ראַבירט איהם נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געבליבען טריי צו דיר און דיין לערע, דער איד איז אימער גרייט אוועקצוגעבען זיין לעבען, זיין

פארמעגען, זיינע קינדער על קדוש השם. געדענקסטו די עשרה הרוגי־מלכות, וועלכע האָבען זיך געלאָזט הרג'ענען, אויסשרייענדיג אין די לעצטע מינוטען „ה"ד אחד ושמו אחד" ?

מלאכים

לעבען און גליק צו דיינע טרייע קינדער.

בת קול

רעד ווייטער וועגען מיינע קינדער.

סניגור

הער ווי דיין פאָלק ישראל האָט חרטה און בעט ביי דיר פאר־געבונג, ווי קינדער ביי א פאָטער. „ואתה ה"ד הרוצה בתשובת רשעים", דו ביזט נישט קיין ראכע נעמער און באניגענסט זיך מיט חרטה, געוויסענסביסע און פארזיכערונג, אז דאָס וועט מער נישט געשעהן. פארשרייב זיי אין דיזען צעטעל.

ציינט דאָס „לעבען צעטעל".

מלאכים

לעבען און גליק צום פאָלק ישראל.

בת קול

ווייגען די „מצות און עברות" !

זיי וואַרפען אַרויף.

קטיגור

גנבה.

סניגור

צדקה.

קטיגור

גזלה.

סניגור

מעשים טובים.

קטיגור

שקר.

סניגור

תורה.

קטיגור

זנות. אַ גרויס בינטעל.

סניגור

זכות אָבות.

די מצות וועגען אַריבער.

מלאכים

לעבען און גליק צום פאָלק ישראל.

קטיגור

גענעדיגער הער, דיין פאָלק ישראל טרעט איבער אלע דיינע געזעצען, דאָך אמווייניגסטען טוען זיי דאָס פארשטעלטער־הייט, מאַסקירען זיך, שעמען זיך איינער פאר דעם צווייטען, נאָר איין פארברעכען באגעהען זיי עפענטליך, אָהן שום בושה, דאָס געזעץ זייערס באשטראָפט נישט דערפאר, אזוי פיהלען ניט זאָגאר ווי גרויס דער פארברעכען איז, זיי זעהען ניט וויפיעל שאָדען, אומגליק, רואינע עס ברענגט צו זייערע מיטמענשען, און דאָס איז „משיג גבול", צונעמען דאָס ברויט ביים צווייטען איז הפקר ביי דעם פאָלק ישראל, מע־רער ווי ביי אלע אנדערע פעלקער.

סניגור

עס איז די נויט, די גזירות, די רדיפות, די פארפאָלגונג, וועלכעס עס צווינגט איהם איבערטרעטען דיזען געזעץ.

קטיגור

דעם אידענ'ס נאטור איז נאָך אלץ פארשקלאפט צו דעם גאָל־דענעם קאלב, צוליב דעם גלאנץ פון גאָלד זעהט ער ניט ווי זיינע ברידער און שוועסטער מוטשען זיך, צוליב דעם קלאנג פון געלט הערט ער ניט די געשרייען און זיפצען פון זיינע מיטמענשען, אויך איצט אָפּפערען זיי מיט אלעם וואָס איז הייליג און ליב אלס קרבן צום מאמאָן! עס ווערען פאר־טעמפּט זייערע געפיהלען, זיי זעהען נאָר זייער אייגענעם „איך", דער סמך מם געוועלטיגט איבער זיי מיט זיין גאנצער קראפט, און קיין זאך וועט זיי באוועגען צו ענדערען זייער באשלוס, זיי האָבען זאָגאר קיין חרטה דערפאר.

בת קול

האסטו עדות? קענסטו דאס באווייזען?

קטיגור

די אותיות פון דיין הייליגער תורה וועלען עדות זאגען.

בת קול

רוף ארויס, וועלכע פון זיי פארלאנגסטו?

קטיגור

„אלף“, „בית“, „גימל“, „למד“, „וו“, „ס“, „ת“, „י“.

בת קול

אלף! אריין! אלף קומט אריין אין דימענטען קאליר. פארבויגט זיך. האסטו עטוואס אויסצוזעצען געגען מיין פאלק ישראל?

אלף

די אידען זיינען די יעניגע, וועלכע האבען געהערט דעם „אנוכי ה״ד אלהיך“, וואס פאנגט זיך אן מיט אן אלף.

בת קול

בית אריין! אין זעלבען קאליר. וואס קענסטו זאגען וועגען מיינע קינדער?

בית

די אידען לערנען די תורה, וואס פאנגט זיך אן „בראשית ברא אלהים“, מיט א „בית“ פון אנפאנג.

גימל

די אידען זאגען „גדול ה״ד ומהלל מאוד“.

ת

די אידען לענען תפילין יעדען טאג, וואס פאנגט זיך אן מיט א „ת“.

בת קול

אלע איבעריגע אריין. אלע אין זעלבען קאליר.

אלע

טייער און הייליג איז ביי איהם אונזער אויסזעהן, זיי קושען אונז זאגאר ווען מען טרעפט אונז ליגען אויף דער ערד.

סניגור

ניין, מיין שר, די אידען זיינען ניט אזוי פארדארבען, אויך ניט אזוי געלטזיכטיג ווי דער קטגור שילדערט זיי, זיי זעהען

נים אזוי ווייט ווי מיר מלאכים, זיי זיינען קורצזיכטיג און באגרייפען נים דעם שאָדען, אָבער ווען זיי ערפאַרען די רע־זולטאַטען האָבען זיי חרטה, טוען תשובה, לאָזען זיך קאָסטען מים געלט און כבוד אום גוט צו מאַכען דעם שאָדען.

בת קול

זעהר א שווערע באשולדיגונג איז געמאַכט געוואָרען געגען מיינע קינדער, א שאַנד פלעק אויף זייערע נעמען, געמליך, אז זיי טרעטען איבער דיזען געזעץ, וועלכע דיזע אותיות באדייטען. באפוילענד. היילינע אותיות שטעלט אייך בשורה. שטעלען זיך. „לא תסיג גבול“, דאָס איז דער גרעסטער פאַר־ברעכען, ווייל מיין גאַנצע לערע באַשטעהט אין דעם „ואהבת לרעיך כמוך“, ליב דיין חבר ווי זיך אליין, אויף דיזער עברה העלפט קיין פאַסטען קיין געבעט, נאָר איבערבעטען דעם יעניגען, וועמען עס איז געטאָן געוואָרען דאָס אומרעכט, און ארויסקריגען א „מחילה גמורה“. קטיגור און סניגור! צו פּראָבע וועל איך שטעלען מיינע קינדער, און דורך די רעזולטאַטען וועט ווערען ענטשידען דער שיקזאל פון כלל ישראל.

מלאכים

גאָט און זיין משפט איז גערעכט!

ביידע

גיבען זיך די הענט.

מיר וועלען זיך דאָרט באגעגענען.

מלאכים זינגען שירה, בוקען זיך, עס דונערט און בליצט.

פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.

ערשטער אַקט

א גרוים צימער, אויף די ווענט בילדער, פון דר. הערצל, ר. יצחק אלחנן, אַ קאַלענדער, וואָס ווייזט סעפּטעמבער דעם 23טען, אַ שיינער פיער עקענדיגער טיש, ארומגעשטעלט מיט שטולען, א שאַפע מיט ספרים, אַ זילבערנער לייכטער מיט אויסגעברענטע ליכט, ביים טיש זיצט משה׳לע אין האַלב חסידישע קליידער מיט אַ יארמולקע אויפ׳ן קאָפּ, לערנט גמרא מיט אַ נגון. ביי דער זייט זיצט רחל׳ע, לעזט אַ בוך און קנאַקט סעמעטשקעס.

משה

זאָגט די גמרא „ונושאים נשים במועד פן יקדמנו אחר ברחמים". דו הערסט רחל וואָס די גמרא זאָגט, אז קיין אר־בייט טאָר מען ניט טאָן אום יום טוב, אָבער חתונה האָבען מעג מען אפילו אום יום טוב.

רחל

וואָס זשע? חתונה האָבען איז קיין ארבייט ניט?

משה

ניין. לערנט. פן יקדמנו אחר ברחמים, טאָמער וועט זי אן אנדערער אויסבייטען.

רחל

וואָס זשע, עס נעהט עפּעס אין כאַפּערלעך?

משה

מיט אַ נגון.

אַי! אַי! דאָס איז טאַקע עפּעס נישט גלאַט, די גמרא זאָגט דאָך, אז פערציג טעג איידער מען ווערט גע־בוירען רופט מען אוים, אז יענעמ׳ס טאָכטער זאָל באַלאַנגען צו יענעמ׳ס זוהן, היינט ווי אזוי קען מען דאָס צונעמען, עס איז טאַקע עפּעס נישט גלאַט.

רחל

משה'לע, וואס איז די אורזאך, וואס הוד'ל שטיינבערג איז נאך נישטא, ער קומט דאך יעדען שבת נאך דעם עסען.

משה

וואס דארפסט איהם אזוי?

רחל

גאר נים, גלאט אזוי.

משה

מיט א גמרה נגון.

איך האב מורא, אז ביי דיר איז אויך עפעס נישט גלאט. וואס אינטערעסירט ער דיך אזוי פיעל.

רחל

געה שוין געה, ביי דיר איז דאך אלעם מיט א קשיה, שא, אט קומט ער. ווערט רויטליך, מאכט זיך צורעכט די האר. א קלאפ אין טיר. קומט אריין!

דוד

אריסטאקראטיש געקליידט.

שבת פארנאכט זאגט מען קיין גוט־שבת נים.

רחל

פאר וואס?

משה

ווייסט נים אז משה רבינו איז געשטארבען שבת פארנאכט?

דוד

איך דענק, אז אזוי ווי פרייטאג צו נאכט זאגט מען „גוט שבת", שבת אין דער פריה אויך דאסזעלבע, נו איהר ווייסט דאך, איין מאל איז א חכמה, דאס צווייטע מאל אויך, אבער דאס דריטע מאל איז קיין חכמה נים. זעצט זיך. טוט א קלאפ אן די הענט. צו רחל'ען. וואס זיצט איהר אזוי פאר־טראכט, און דו משה'לע עפעס ווידער ביי דיר נישט גלאט? אימער האסטו שטיינער אין וועג. ווענען וואס האנדעלט זיך איצט?

משה

ווענען התונה האבען.

דוד

דו ווייסט דען נישט, אז די ערשטע ליבע אויף דער וועלט איז אויך געוועזען א שטיין אין וועג. ווען יעקב אבינו האט געזעהן, אז רחל מוטשעט זיך איבער א גרויסען שטיין, האט ער איהם אוועקגעקאטשערט און דאס האט געפירט צו...

רחל

צו דינען פערצעהן יאהר.

דוד

איך מיין צו חתונה האבען.

רחל

היינטיגע יאהרען איז ניטא אזעלכע יעקב'ס, וואס זאלען צו־ליב א רחל זיך האלטען מיט א לאה'ן.

דוד

היינטיגע רחל'ס זיינען אויך ניט דיזעלבע, אוועקצוגעבען איהר געליבטען צו איהר שוועסטער.

משה

לאה, רחל, וואס טויג מיר גליקען, דערווייל איז דא ניט גלאט און דאכט זיך, אז מען דארף באלד געהן דאווענען מעריב. געהט אפ.

דוד

הויבט זיך אויף, שטעלט זיך לעבען רחל'ען און קוקט אריין אין בוך.

וואס לייענט איהר? רחל'ע.

רחל

איך לייען פישקע דעם קרומען פון מענדעלי מוכר ספרים, איהר ווייסט, אז פישקע, אט דער קרומער איז געוועזען מער העלד פון אנדערע גלייבע, דאס ערשטע מאל וואס ער האט זיך באגעגענט מיט זיין הארבאטע, האט ער איהר אלעס דערציילט, ערקלערט אין ליבע, און פארטיג. איך פארשטעה ניט, ווי אזוי קאן מען דאס?

דוד

איהר פארשטעהט, פאר א קרומען איז דאס פיעל לייכטער, צי מען וועט אננעמען זיין פארשלאג צי ניט?

רחל

וואס־זשע, א קרומער איז קיין מענש ניט?

דוד

חלילה, ער איז אויך א מענש, אבער איהר ווייסט דאך, אז ביי א קרומען איז א רענדעל אראפ א רענדעל ארויף, יא! רחל'ע, איך וואלט איצט אויך באדארפט האבען פישקע דעם קרומענ'ס מוט.

רחל

צו וואס? האט איהר דען אויך א הארבאטע?

דוד

רחל'ע, זאגט דעם אמת, האט איהר גאר ניט באמערקט אין מיר?

רחל

אין אייך? הא, הא, יא, געווים.

דוד

באגייסטערט.

טאקע? זאגט זשע וואס האט איהר באמערקט?

רחל

אז איהר טראגט א שיינעם נייעם קאסטיום און עס פאסט אייך. טראגט איהם געזונטערהייט.

דוד

איך דאנק אייך, אבער ניט דאס האב איך געמיינט, עפעס אנדערש קענט איהר ניט טרעפען, וואס ביי מיר אין הארצען טוט זיך?

רחל

אה, איהר באליידיגט מיך, גאספאדין שטיינבערג.

דוד

איך אייך? חלילה! מיט וואס?

רחל

מיט דעם וואס איהר ווילט, אז איך זאל טרעפען, מיינט דאך דאס, אז איהר האלט מיך פאר א נאר, און ביי מיר איז דא די נבואה?

דוד

ניין! נאָר דארום ווייל איך דענק, אז איין הארץ פיהלט דאָס צווייטע. רחל'ע, איך האָב שוין פיעל מאָל באשלאָסען צו ריידען מיט אייך, אָבער ווען עס קומט דאצו, פארליר איך די שפראך, עס הויבט אָן קלאפּען אין הארצען, טומלען אין קאָפּ, מיין צונג ווערט געליימט און וויל זיך ניט רירען פון אָרט, אָבער היינט טאָר איך ניט דורכלאָזען די געלעגענהייט, איך מוז אייך זאָגען, אז, אז איך ל י ב אייך און קאָן אָהן אייך ניט לעבען. נעמט איהר אָן ביי דער האַנט און קוקט איהר אין די אויגען. זאָגט עפּעס, וואָס שווייגט איהר?

רחל

מיט אַ ציטערדיגער שטימע.

גאָספּאָדין שטיינבערג! וואָס רעדט איהר? פארגעסט ניט, אז איהר זייט נאָך ניט קיין אָפּגעשטאנענער, איהר זייט דאָך אין דיזעלבע יאָהרען, וואָס אונזער משה'לע, קיין ליגאָטע האָט איהר ניט, קיין חסרון דאכט זיך אויך ניט, דאן וועט מען אייך זיכער אָפּגעבען, און איהר ווייסט דאָך, אז מיין מוטער וויל דערלעבען נחת אין איהרע קינדער און וואָלט וועלען, אז איך זאָל נאָך חתונה האָבען דאָס יאָהר. אָה! שטיינבערג, ווארום זייט איהר ניט קיין בן יחיד, ווי אונזער משה'לע? מיין פאָטער האָט וועגען אייך זעהר א גוטע מיינונג, און איך... איך גלויב אימער מיין טאטען.

דוד

איהר ווייסט דאָך, מיין פאָטער איז באקאנט מיט נאטשאלסטווא, ער וועט זיך לאָזען קאָסטען און מיך ארויסנעמען פון גוי'שע הענט, איך וועל זיכער ניט דינען, איך בעט אייך רחל'ע ניט צוברעכט מיין הארץ. איך דערקען אָן אייך, אז איהר זייט ניט גלייכגילטיג צו מיר, זאָגט יאָ.

רחל

הויבט זיך אויף.

שטיינבערג איך, איך... בויגט זיך צו איהם. משה'לע עפענט די טיר, זיי רוקען זיך אָב פארשעמט.

משה

אַי, עס איז דאָך דאָ אויך עפּעס נישט גלאַט? מען דאַרף שוין געהן דאַוונען מעריב. דוד פאַרנייגט זיך, ביידע אָפּ.

עס ווערט פינסטערלאַך. עס צייגען זיך שטערען.

רחל

זיפצט, קוקט זיי נאָך, עס דערהערען זיך טריט, זי זעצט זיך שנעל און לעזט. עס קומט אַריין רבקה מיט אַ פאַרוק און אַ זיידענטיכעל, און חייקעלע. רבקה ליידט קאָפּשמערצען.

רבקה

זיך דורכגעגאַנגען אַביסעל איז מיר לייכטער געוואָרען אויף דעם קאָפּ, און דו רחל זיצט איינע אַליין אין הויז? וואָרום געהסטו זיך אַביסעל ניט דורך? אימער נאָר זי לייענט און לייענט, עס וועט דיר נאָך חלילה שאַדען צו די אויגען. דו ווייסט, אז מען לייענט אין דער פינסטער האָט מען בלינדע קינדער.

חייקע

נו מאַמע, אַז מען רעדט אין דער פינסטער האָט מען שטומע קינדער?

רבקה

אַ דו גנב, ווילסט מען זאָל אָנצינדען אַ לאָמפּ, לאָמיר זעהן וויפיעל שטערען עס איז דאָ. קוקט אין פענסטער און ציילט 1, 2, 3, דריי שטערען זיינען דאָ.

חייקע

איך זעה נאָך אַ שטערען.

רבקה

ווי?

חייקע

זעהסט ניט אָט דאָרטען. צייגט אויף רחל'ס שטערען, מוטער לאַכט.

רחל

שטופּט זי אָפּ ברוגז.

געה שוין געה.

חייקע

אה, זי איז שוין ווידער ברוגז? אה איך וויים ווארום. שפרינגט און מאכט קערעבאבעצע. איך וויים, איך וויים!

רחל

וואס ווייסטו? וואס? ווערט רויט.

חייקע

זעה מאמע ווי זי איז רויט געווארען, שא, שא דוד'ל שטיינבערג איז מן הסתם דא געוועזען. שטעלט ארויס א צונג.

רחל

מאמע, וואס וויל זי פון מיר? וואס טשעפעט זי זיך?

רבקה

ניט קינדערלאך, ניט קריגט זיך אויף דער פולער וואך. איך וועל זאגען גאט פון אברהם. זי זאגט, צינדט אן דעם לאמפ. א גוטע וואך קינדערלאך, א גוטע וואך. די קינדער ענטפערען. רחל'ע געה שטעל דעם סאמאוואר, און דו חייקע'לע גרייט צו די הבדלה. עס קומט אריין ר' ברוך, א שיינער איד מיט א געדעכטער שווארצער בארד, א לאנגע קאפאטע און משה'לע מיט איהם, ביידע זאגען א גוטע וואך. ער מאכט הבדלה, משה'לע זאגט ויתן לך.

חייקע

מאמע, גיב מיר א שטיקעל ברויט מיט פוטער.

רבקה

גיט איהר. עס פאלט ארונטער.

ווארום האלטסטו ניט גוט?

חייקע

עס איז געפאלען מיט דער פוטער אראפ.

רבקה

איך האב מורא, אז עס איז ניט קיין גוטער סמן אויף דער פולער וואך.

משה

אבער אימער צו פאלט דאס מיט דער פוטער אראפ.

חייקע

אזוי? דאנערשטאג איז גראד געפאלען מיט דער פוטער ארויף.

משה

מן הסתם האָסטו אָנגעשמירט אויף דער פאַרקערטער זייט.

חייקע

און ווען ניט? וועסטו דאָך זאָגן איז דאָך טאַקע עפּעס נישט גלאַט. קרומט איהם נאָך.

ברוך

גענוג קינדערלאַך, רבקה'לע! זיי אַזוי גוט און דערלאַנג מיר מיינע פּאַפּירען, איך וויל זעהן ווען ענדיגט זיך דער קאָנטראַקט, וואָס מיר האָבען מיט דעם פּריץ. רבקה דער־לאַנגט אַ פּאַק פּאַפּירען, ער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר און לייענט. דער קאָנטראַקט ענדיגט זיך דעם 25טען סעפּטעמבער 1910. טוט אַ קוק אויף דעם קאַלענדער און זאָגט: דו הערסט, מאָנ־טאָג גערהט אויס דער קאָנטראַקט, אז גאָט ב"ה וועט העלפען, אַז איך וועל קריגען די אַרענדע אויף נאָך 10 יאָהר דאַן וועל איך זעהן, אַז אונזערע קינדערלאַך זאָלען נאָך דאָס יאָהר חתונה האָבען. בן שמונה עשרה לחופה, צו אַכטצעהן יאָהר דאַרף מען חתונה האָבען. פאַר'ן פּריזיוו האָט דאָך אונזער משה'לע קיין מורא ניט, ער האָט דאָך אַן ערשטע ליגאָטע.

רבקה

מיר זאָל זיין פאַר זיינע ביינער, ווי העלפט מיר שוין גאָט צו זעהן מיין משה'לע, מיין איינציג אויג אין קאָפּ אונטער דער חופּה און קושען זיין כלה. אָה! ווי גליקליך איך וואָלט געווען. אַ זיהנדעלע מיינס. קושט איהם אין שטערען און ווישט זיך די אויגען.

חייקע

כאַפּט איהם אַרום מיט ביידע הענט, פּרעסט איהם שטאַרק.

אָה זיהנדעלע מיינס.

משה

נעה שוין אוועק. מאַמע, זי וועט מיך דערדרושען.

ברוך

חייקעלע גענוג שוין .צו באַלעווען זיך. אַ קלאַפּ אין טיר קומט אריין! עס קומט אַריין יאַנקעל ראָניס, רעדט האַלב אידיש

האלב רוסיש, גליוכט שנאפס און זיסע טיי, רעדט מיט א גראבע שטים.

יאנקעל

א גוטע וואך, גאספאדא. אלע ענטפערען חוץ חייקע. און דו חייקעלע ווילסט ניט ענטפערען?

חייקע

שטעלט זיך אוועק ווי א סאלדאט, פאדקאזראקאם.

ניקאק ניעט!

יאנקעל

א קרימסט זיך נאך א ניקאלאיעווסקע סאלדאט, עטא ניע קראסיווא.

חייקע

אין זעלבען שטאנד.

טאק טאטשנע.

רחל

דערלאנגט טיי.

א גוטע וואך ר' יענקל, איהר'ט אפשר טרינקען א גלעזעל טיי?

יאנקעל

קאנעטשנא, ווען עס איז נישטא קיין גלעזעל ביטערס, זאל כאטש זיין א גלעזעל זים. יאנקעל ווארפט צוקער, חייקעלע צעהלט, נים 1 נים 2 נים 3 נים 4.

חייקע

איהר דארפט זיך ניט שעמען, פיהרט זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

יאנקעל

טאק טאטשנע, איך וועל טרינקען מיט פריקוסקע. טרינקט און בייסט צוקער. ר' ברוך, איהר האט אפשר אביסעל טיטון?

ברוך

א, מיט פארגעניגען. נעמט ארוים די טאבאשניצע. גיט איהם.

משה

פּאַפּאַ, דענקסטו ניט, אַז מענשען נעמען זיך צו פיעל רעכט יענעם צו בעטען, אַז ער זאָל אַריינלייגען די האַנט אין קעשענע, אַרויסנעמען די טאַבאַשניצע, מאַכען אַ פּאַפּיראָס, נאָכהער פאַרמאַכען די טאַבשניצע, צוריק אַריינלייגען אין קעשענע. ווי קומט דאָס, וואָס מענשען שעמען זיך ניט דאָס צו בעטען?

חייקע

פאַרוואָס? עס איז עפּעס טאַקע ניט גלאַט?

ברוך

איך וועל דיר זאָגען מיין קינד, ווען נח האָט אַרויס־געשיקט אַ טויב זעהן צו מען קען אַרויסגעהן פון דער תיבה האָט זי געבראַכט אַ בלאַט פון אַ בוים, מאַכט רש"י אום צו צייגען, אַז איידער זיסע זאַכען פון אַ מענשענ'ס האַנט איז בעסער אַ ביטער בלאַט פון גאָט, און אַזוי ווי טיטון וואָס איז ביטערער איז בעסער בעט מען דאָס פון אַ צווייטענ'ס האַנט, אום עס זאָל זיין ביטערער.

יאַנקעל

טאַק טאַטשנע. יעצט פאַרשטעה איך וואָרום מיין טיי איז ניט גענוג זיס, עס קומט פון אַ מענשענ'ס האַנט, רחל'ע איז דאָך אויך אַ מענש. וואַרפט נאָך אַ שטיקעל צוקער.

חייקע

די צווייטע גלאָז טיי וועט איהר זיך מטריח זיין און אליין נעמען, פּאַניעמאַיעטע?

ברוך

גענוג חייקעלע, מען טאָר ניט אַזוי. ר' יאַנקעל איז דאָך עפּעס עלטער פון דיר. בעט איבער ר' יאַנקלען.

יאַנקעל

טאַק טאַטשנע, איך וועל איהר איזווינאַייען, זי מוז אָבער עפּעס זינגען.

אלע

זינג חייקעלע אויף אַ פולע וואָך.

חייקע זינגט. אלע קלאַפען בראַוואָ.

רחל

יעצט ר׳ יאנקעל דערצעהלט איהר עפעס פון דער סלוזשבע.

משה

יא ר׳ יאנקעל, איך גלייך צו הערען א סאלדאטסקע מעשה, נאר אזא, אז עס זאל אזש טרישצען.

יאנקעל

טאק טאטשנע, אבער פריער מוז איך האבען אביסעל ספירט דאן וועל איך אייך דערצעהלען.

ברוך

מיט פארגעניגען. גיט איהם שנאפס. ער טרינקט אין א גלעזעל, נעמט דאס צווייטע, דאס דריטע. אלע זיצען ארום.

משה

ר׳ יאנקעל, אן עבירה וואס איהר זייט ניט געוועזען דאן ווען די אידען האבען באדארפט אריבערגעהן דעם ירדן.

יאנקעל

וואס זשע וואלט געוועזען?

משה

וואלט משה רבינו פארשפארט צו שפאלטען דעם ים. אזעלכע אידען ווי איהר קאנען דאך אויסטרינקען דעם ים.

חייקע

כאפט נאר ניט איבער די מאס.

יאנקעל

ניקאק ניעט! ווישט דאס מויל מיט׳ן ארבעל. איהר הערט, אין איהרע יאהרען בין איך געוועזען. צייגט אויף חייקלען. עס איז געוועזען א דאנערשטאג, איך בין געגאנגען פון דאווענען, ווען צוויי אומבאקאנטע מענשען האבען מיך א כאפ געטאן, מיר ארייגעווארפען אין א גרויסען וואגען און קאטאי! איך האב זיך געווארפען, געריסען, געשריען טאטע! מאמע! העלפט מיר, וואוהין פיהרט מען מיך? וואס האב איך געטאן? אבער קיינער איז מיר ניט געקומען צו הילף, אומזיסט מיין וויינען. איינער פון די כאפערס האט געשריען: „מאלטשי זשיד פארכאטע״ (שווייג דו איד) און מיר געגעבען א שטורכע אין דער זייט.

חייקע

אוי, איך האב אזש מורא! וואס איז ווייטער געוועזען?

יאנקעל

דאן האט מען מיך פארפיהרט אין א גרויסע קאזארמע וואו עס זיינען נאך געוועזען אזעלכע ווי איך, מען האט אונז גע־שלאגען, געצוואונגען זאגען מאליטווים, עסען חזיר, געמאכט שפאס פון אלע אידען, זיי גערופען שווינדלערם, פייער מא־בערס, מאשעניקעס, די ערשטע צייט פלעג איך גאנצע נעכט וויינען, איך פלעג זעהן מיין מוטער אין חלום שרייענדיג און רייסענדיג זיך די האר, עס פלעגט זיך מיר חלומ'ען אז מיין מוטער איז משוגע געווארען פון צרות, צוברעכט אלעס, שלאגט יעדען, און איך פלעג וויינען און זיך באגיסען מיט טרערען. נעמט נאך א גלעזעל. איך שכור ניקאק ניעט.

רבקה ווישט זיך די אויגען, האלט זיך ביים קאפ.

חייקע

מאמע ניט וויין, איך בעט דיך.

יאנקעל

מיט דער צייט בין איך געוואוינט געווארען צו אלעס, זיי האבען איינגעפלאנצט אין מיר א האס צום אידישען גלויבען, פארטעמפט מיינע מענשליכע געפיהלען, איך האב פארגעסען אין אלעס, ביז, ביז נעמט נאך א טרינק אין א שענעם טאג איז אנגעקומען פאר א מאלדאט א בחור'על אזוי ווי אייער משה'לע.

רבקה

ניט דא געדאכט!

ברוך

חס וחלילה!

יאנקעל

לייבעלע האט ער געהייסען, א זיידען אינגעל איז ער געווע־זען, האט אין זיין לעבען א האנט אין קאלט וואסער ניט איינגעטונקען, תמיד געלערענט, מורא געהאט פאר א מענ־שען, מען נעמט אזעלכעס און מען גיט איהם א ביקס שווע־רער פון איהם און מען זאגט סטריליאי! שים! אז דאס

האָט מורא פאר א פליג אויף דער וואנט, נעמט דער פעלד־פעבעל דערלאנגט איהם אין באק, אז ער פאלט צו דער ערד. נעמט נאָך אַ טרינק. עס האָט מיך געטאָן א בריה ביים האר־צען, און איך האָב זיך מיט איהם באפריינדעט, געהיט איהם ווי אן אויג אין קאָפּ, געפוצט זיינע שטיוועל, געשטאנען פאר איהם קאראול, געטאָן פאר איהם אלעס, און ער! האָט מיר דערצעהלט פון אידישען גלויבען, מיך געלערענט דאווענען און מיך אומגעקערט צוריק צום אידישען גלויבען.

חייקע

נעמט זשע נאָך א טרינק און דערציילט ווייטער. גיסט איהם אָן.

יאַנקעל

טאַק טאַטשנע. טרינקט. דאן האָט אויסגעבראָכען די רוסיש טערקישע מלחמה, לייבלען און מיך האָט מען נאזנאטשעט אין סטרוי, די שלאכט האָט זיך אָנגעפאנגען, מיר זיינען גע־לעגען אין גריבער, עס האָט געפלאקערט, געקנאקט, גערוישט, די ערד האָט געציטערט, עס האָט זיך געהערט געוויינען, גע־שרייען, קרעכצען און זיפצען, עס זיינען געפאלען מענשען רעכטס און לינקס, עס איז געוועזען א שרעק. רבקה לאָזט ארויס אַ קוויטש, כאַפּט זיך מיט ביידע הענט ביים קאָפּ. פּלוצלונג הער איך א שמערצליכען קרעכץ, איך טוט א קוק, אך, ווי שרעקליך, איך וועל דאָס קיינמאָל ניט פארגעסען, לייבעלע ליגט אין א טייך בלוט, די אויגען אויסגעזעצט, די ציין אויס־געשלאָגען, דעם קאָפּ צעשפּאָלטען, טשאָרט פאָדערי, און זיינע לעצטע ווערטער זיינען געוועזען: „שרייבט מיינע על־טערען, זאָגט זיי, אז זיי זאָלען ניט וויינען, הד׳ נתן הד׳ לקח, און איך בין צוגעפאלען צו איהם און געוויינט ווי א קליין קינד.

רבקה

אָה ווען דאָס זאָל חלילה, די שעה זאָל ניט זיין, פּאסירען ביי מיר וואָלט איך משוגע געוואָרען, געשטאָרבען פון צרות.

ברוך

רבקה, רעד ניט אזוי, אל תפתח פה לשטן, מען טאָר ניט רע־

דען אזוי, אונזער משה'לע האט דאך א פערוועו ליגאטניק.
א קלאפ אין טיר און עס קומט אריין א איד מיט א שניי־ווייסער
בארד, א פעקעל אויף די פלייצעס און מיט א שטעקען.

אליהו

א גוטע וואך אייך אידען, איך בין דורכגעגאנגען, געהערט
מען פראוועט מלוה מלכה בין איך אריינגעקומען, אידען זייי־
נען מכניס אורחים.

ברוך

געווים, געווים, גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פני
השכינה, צונעמען אן אורח איז נאך גרעסער ווי מקבל זיין
נאט ב"ה אליין. שלום עליכם א איד, משה'לע העלף ארונ־
טערנעמען דאם פעקעל. משה'לע טוט אזוי, גיט איהם שלום.
ר' יאנקעל דאסזעלבע, זעצט זיך.

ברוך

מה שמיכם? ווי אזוי הייסט מען? פון וואנען קומט א
איד? און וואס טוט א איד?

אליהו

איך וועל אייך ענטפערען על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.
קומען קומט מען פון ווייט וויים, פון יענער וועלט, הייסען
היים איך אליהו, נאר רופען רופט מען מיך אליהו גר, כי גר
אנכי בארץ. איך בין א פרעמדער.

משה

איהר קוקט טאקע אוים אבימעל ווי אליהו הנביא.

חייקע

טאקע טאקע אזוי ווי ביי אונז אויף דער הגדה.

אליהו

האנדלען האנדעל איך מיט אידישע ספרים, סדורים, חמושים,
זשארגאנישע ראמאנען, בשמים'לעך, הבדלות און אוינען
גלעזער וכדומה נאך אזעלכע זאכען.

ברוך

צוערשט טרינקט א גלעזעל טיי, נאכהער וועלען מיר עפעם
איבערכאפען און מיר וועלען מן הסתם עפעם קויפען.

משה

איך דאַרף טאַקע אַ טלית קטן.

רבקה

און איך וויל אַ נייעם טייטש חומש, מיינער איז שוין צופּי־צעלט אויף שטיקלעך.

חייקע

און מיר קויף אַ ביכעל מיט הערשעל אָסטראָפּאָליעס מעשות. איך האָב אַזוי ליעב צו הערען.

יאַנקעל

און איך דאַרף אַ פּאָר שפּאַקולען, אויף דער עלטער, מען זעהט שוין ניט ווי אַמאָל.

אליהו

שפּאַקולען! גאָר אַן אַנטיק, דורך מיינע שפּאַקולען זעהט מען אַ חריפות, אַט האָב איך אַ פּאָר ביי זיך. גיט יאַנקלען. טוט אָן.

יאַנקעל

טוט אָן.

אָוואַה! טשאַרט פּאָדאַרי! יעדער אות גרויס ווי אַ שקאַליק.

חייקע

אַ פּולער צו אַ לײדיגער?

אליהו

איהר וועט קריגען ביי מיר אַ פּאָר שפּאַקולען אומזיסט, דערפאַר וועט איהר מיך פיהרען צווישען די בעלי בתים פון שטאָדט.

יאַנקעל

טאַק טאַטשנע, רבי.

אליהו

יעדער קאָן זעהן אויף מיינע שפּאַקולען. איהר באַרישנע קענט זעהן אייער זיווג חאַ! חאַ! און איהר, ווי אַזוי רופט מען אייך? צו ברוך'ען.

ברוך

ברוך הייס איך.

אליהו

ברוך אתה, געבענשט זאלט איהר זיין. אנו, טוט נאר א קוק אויף זיי.

ברוך

נעמט די גלעזער, טוט אן, טוט זיך א כאפ ביים הארצען.

רבקה

וואס איז געשעהן?

ברוך

עפעס זעה איך וואלקענס! וואלקענס, און א שווארצער פלעק אין מיטען, וואס באדייטעט דאס?

אליהו

א שרעקט אייך נים. נעמט זיי ארונטער. עס איז גאר נישט, מען דארף זיי אויסווישען, עס וועט זיך אויסלייטערען, חאד חא, איהר דארפט זיך נים שרעקען „אדם לעמל ילוד“, א מענש איז געבוירען צו צרות.

א קלאפ אין טיר. קומט אריין!

פרעמדער

איך בין א שליח פון פריץ, ער האט אייך געשיקט דיזען בריעף. אפ, ביי רחל'ען פאלט ארויס דאס גלאז פון דער האנט.

ברוך

נאט איז מיט דיר. עפענט דעם בריעף, לייענט און ווערט בלאס.

רבקה

וואס איז געשעהן? וואס פאר אן אומגליק?

ברוך

גדליהו שטיינבערג וויל אויסדינגען די ארענדע.

רבקה

וואס?

ברוך

איך לויף גלייך צו שטיינבערג'ן, איך וועל איהם, איך וויים אליין נים וואס טאן, ווי וואגט ער צו מאכען דעם פריץ אזא אנטראג?

אליהו צו זיך.

ער איז שוין ביי דער ארבייט.

ברוך

רבקה'לע, קינדערלעך וואס וועט איצט פון אונז ווערען? מען וויל אונז אומגליקליך מאכען, איין איד ביים צווייטען נעמט צו דאס שטיקעל ברויט. ווערט האסטיג. וואו איז מיין שטעקען, גיכער לאזט מיך געהן צו איהם. מען האלט איהם אפ. ער רייסט זיך. לאזט, לאזט.

אליהו

ר' ברוך, וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען, אל תבטחו בנדיבים, פארלאזט זיך ניט אויף פריצים, מיר האבען א גרויסען גאט, גאט פארלאזט ניט זיינע קינדערלעך, אידען זיינען ניט אזוי שלעכט. עט, ער וועט דאס נישט טאן. פארשטערט ניט די פולע וואך, זינגט דאס וואס איהר האט בעפאר געזונגען. כאפט ארויס א רויטע פאטשיילע. נעמט אייך אלע אין קאן און זינגט א פולע וואך. דרעהען זיך און זינגען.

פארהאנג פאלט לאנגזאם.

צווייטער אקט

א שרייבצימער, אויפ'ן שרייבטיש אנגעווארפען פאפירען און פיעלען בריף, גדליהו שטיינבערג, מיט א שעהנע געקעמטע באָרד, טראָגט פאנסנע, דרעהט זיך אַרום און גלעט דאָס בערדעל, פארטראכט. א קלאָפּ אין טיר: קומט אריין!

געלטמאַן

א שווארצער יונגערמאַנטשיק מיט וואָנצעלעך, אביסעל ציוויליש אויסזעהן.

גוט אָוועגט הערר שטיינבערג. גיט איהם די האַנט.

שטיינבערג

גוט אָוועגט הערר געלטמאַן, זיצט.

געלטמאַן

א דאנק. אלזאָ, וואָס הערט זיך הערר שטיינבערג, די צייט איז פאָריבער, און היינט פאָהר איך אָפּ צוריק צום פריץ, און איך מוז ברענגען א באַשטימטען ענטפער, יא אָדער ניין!

שטיינבערג

דאָס האָב איך איצט געטראכט וועגען דעם, איך בין זיכער, אז ווען איך האָב די ארענדע וואָלט וואָלט איך געקאָנט מאַכען פיעל געלט, אָבער מעג מען דען מסיג גבול זיין? עפּעס א קלייניגקייט, צונעמען ביי יענעם דאָס ברויט? די פּרנסה.

געלטמאַן

איהר רעדט דאָך גאָר ווי א קינד, מיר איז א וואונדער אויף אייך, הסגת גבול האָט געהייסען אמאָל, ווען דער מענש איז געוועזען ווילד, ניט ציוויליזירט, זיין לעבען איז געוועזען נאָר פון פעלד, די ערד איז געוועזען פריי פאר יעדען, און ווען איינער האָט באארבייט א שטיקעל ערד, און דער צוויי-

טער האט דאס געוואלט פארכאפען, האט דאס געהייסען מסיג גבול, און די תורה האט דאס פארבאטען, איצט אבער קוקט מען ניט אויף אזעלכע זאכען, דער פראגרעס פון דער וועלט באשטעהט נאר אין קאנקורירען, אין האנדעל אזוי גוט ווי אין וויסענשאפט, יעדער זוכט איבערשטייגען דעם צווייטען, איינער האט אויסגעקלערט אייזענבאנען, א צווייטער אויטאמאבילען, א דריטער האט זיי אלעמען באזיעגט מיט לופטמאשינען, דאסזעלבע איז אין האנדעל, ווען איהר וועט באצאהלען מעהר, וועט איהר מוזען ארבייטען שווערער אום ארויסצונעמען מעהר פון דער ארענדע, און דאס ברענגט אריין נייע מעטאדען אין האנדעלס וועג.

שטיינבערג

אבער דענקט נאר, אז עס קומט אויס צו רואינירען א פאמיליע.

געלטמאן

כא־כא. טייפליש. די וועלט איז א גרויסער טאפ מיט פלייש און ביינער, יעדער איינער שטופט זיין גאפעל, איינער כאפט דאס פלייש, דער צווייטער בלייבט ביי די ביינער, איהר פארשטעהט. טוט איהם א קלאפ אין פלייצע. איהר פארשטעהט דאך, איהר מיט אייער האנדעלס פעהיגקייט, וועט איהר ווערען רייך, אן עושר, איהר וועט קענען טאן גרויסארטיגע שדוכים מיט אייערע קינדער, איהר וועט ווערען אנגעזעהן, פארגעסט ניט אז ניט אימער מאכט זיך אזא געלעגענהייט, וואס זאגט איהר? פויזע. הא, איהר שווייגט. געוויס, געוויס, וויים איך וואס טאמער וועלען אייניגע קוקען קרום, וואס ווייסען זיי ביי אייך אין שטעדטעל פון מסחר, כאכא, עס איז דאך א באנדע בטלנים.

שטיינבערג

עס איז שווער, זעהר שווער צו באשליסען.

געלטמאן

רעדט האסטיג.

בארעכענט נאר, איהר וועט אוועקשטעלען א מיהל, דאס וועט אריינברענגען טויזענדער, דער אייזענבאהן וועט באלד

לויפען דא און איהר וועט עפענען אן ארייגפאהר, דער ירויד וועט דאך ברענגען שטיקער מיט גאלד, איהר זייט באלאנט מיט גאטשאלסטווא און איהר קענט קריגען די פאטשט, עס וועט אוועק א פאר יאהר און איהר ווערט אן עושר. איהר פארזארגט זיך מיט א בכבוד'יגער עלטער, און אויך אייערע קינדער, און ווידער ווען ניט איהר וועט דאס אן אנדערער אויסקויפען, דער הערר פרומאן מעג זיין א גאנץ פיינער מאן, אבער ווי קומט ער צו אזא געשעפט, וואס ווייסט ער פון אונטערנעמונגען? איהר! איהר זייט דער ריכטיגער מאן דאפיר, ער וועט זיך געפינען וואס צו טאן, נעמט פאפיר און שרייבט אן דעם בריף צום פריץ, און אלעס ווערט גע־ענדיגט. פארגעסט ניט, אז מארגען איז דער לעצטער טאג. אהער אדער אהין, איהר פארשטעהט?

שטיינבערג

דרעהט זיך ארום פארטראכט. שרייט.

דוד'על! דוד'על! קום נאר אריין.

דוד

קומט אריין.

וואס דארפסטו מיך, פאפאשא?

שטיינבערג

איך וויל, אז זאלסט שרייבען א בריף פאר מיר. יא, דאס איז הערר געלטמאן, און דאס איז מיין זוהן.

(זעהר אנגענומען)

דוד

נעמט פאפיר און פען און זעצט זיך צום טיש.

וואס זאל איך שרייבען?

שטיינבערג

אדרעסיר צום פריץ וואסילקאווסקי, שרייב איהם, אז אזוי ווי הערר געלטמאן האט מיר פארגעלעגט די קאנדיציאנען.

ווארט א מינוט.

דוד

שרייבענדיג.

וואס ווייטער?

שטיינבערג

וועגן דער ארענדע, וואס ברוך פרומאן האט און דער קאנ־
טראקט ענדיגט זיך.

דוד

קוקט איבערראשט. ווארט, און שרייבט ניט.

וואס ווייטער?

שטיינבערג

דאן וועל איך איהם געבען מיט דריי טויזענט רובעל מעהר
און מיר וועלען ענדיגען.

דוד

לאזט ארוים די פען פון דער האנט. ווערט בלאס.

טאטע, וואס ווילסטו טאן? צונעמען ביי יענעם די פרנסה?

געלטמאן

שעהנע יאהרען, די אייער זיינען קליגער פון די הינער. אז
אייער פאטער הייסט אייך שרייבען ווייסט ער וואס ער טוט,
ניט אזוי?

דוד

וואס מיינסטו דערמיט? נעמען אזא שעהנע נאבעלע פיינע
פאמיליע ווי הערר ברוך'ס רואינירען? פארוואס קומט
דאס זיי?

שטיינבערג

בייזליך.

עפעס ביזטו מיר געווארען א גאנצער פילאזאף, א בעל
רחמים, דו געהסט מיר געבען לעקציעס אין האנדעל, ענטפער
בעסער דעם פריץ, דו הערסט?

געלטמאן

געוויס, געוויס. כבד אב איז א גרויסע מצוה, מען דארף
פאלגען א טאטען.

דוד

געוויס, פאלגען א טאטע איז א מצוה, און יענעם אומגליק־
ליך מאכען איז אויך א מצוה?

שטיינבערג

וואס זיצסטו? שרייב!

דוד

אבער...

שטיינבערג

וואס אבער, שרייב זאג איך, דו הערסט?

דוד

איך הער! אבער איך קאן דיך נישט פאלגען.

געלטמאן

קוקט אריין דוד'ן. צושמייכעלט זיך.

הערר שטיינבערג, זאגט מיר נאר, האט דער הערר פרומאן א טאכטער?

שטיינבערג

יא. אבער וואס פאר א שייכות האט דאס מיט דעם?

געלטמאן

עס האט שוין א סך צו טאן?! יעצט פארשטעה איך שוין די אורזאכע, ווארום ער איז דאנעגען. פרעגט איהם נאר צו ער איז ניט פארליעבט.

שטיינבערג

שמייכעלט.

יא, דוד'ל?

דוד

טאטע, זיי ניט אין כעס, וועל איך דיר דערציילען. דו קענסט דאך רחל'ען, ר' ברוך'ס טאכטער, איך, איך, יא איך ליעב זי מיט דער גאנצער קראפט פון מיין יונגען הארצען, איך קען און וועל אהן איהר ניט לעבען, זי ליעבט מיך אויך. נו, פארשטעהסט דאך די פאלגען, ווען דו וועסט אויסריינגען די ארענדע. איך בעט דיך טאטע, טו דאס ניט.

געלטמאן

נו וואס זאגט איהר צו די יונגע שנעקעס? האב איך ניט געטראפען?

שטיינבערג

כאכא! אזוי גאר? ביזט פארליעבט? א גאנצער קאוואליר געווארען. ביזט א נאר, — וואס זשע, זי איז עפעס די איינ־ציגע פרוי אויף דער וועלט?

געלטמאן

איהר זייט נאך גאר קינדיש יונגערמאן, אז ניט זי וועט איהר קריגען א שענערע, א רייכערע, ווייל פארגעסט ניט, אז דורך דער ארענדע וועט אייער פאטער רייך ווערען, און איהר וועט דאסטיגאיען א רייכען שידוך.

דוד

וואס טויג מיר אן אנדערע אז מיר ליעבען זיך אזוי שטארק. אה! זי איז דאך אזא גוטינקע, שטילינקע, ווי א קליין טייבעלע. ווערט באגייסטערט, נעמט אן דעם פאטער ביי דער האנט. טאטע, האסט דאך מיך ליעב, איך בעט דיך, ניט צוברעך מיין הארץ, רואיניר ניט אזא שעהנע נאבעלע פאמיליע, עס וועט דיר באנג טאן, עס וועט אבער זיין צו שפעט, איך זאג דיר, אז אויב איך וועל ניט קריגען החל'ען וועל איך שטארבען. בעטענדיג. איך בעט דיך טאטעניו, טו דאס ניט, האב רחמנות אויף מיינע יונגע יאהרען, זאג מיר צו.

שטיינבערג

נעה זיי ניט קיין נאר.

געלטמאן

נעה און פאלג קינדער, זיי פארשטעהען ניט, אז מען מיינט זייער טובה, קינדער זעהען ניט וויים, און קענען ניט אפשאצען די ווערט פון געלט, וואס פאר א וויכטיגע ראלע עס שפיעלט היינטיגע יאהרען.

שטיינבערג

זעה נאר, האסט געוויינט. אה דו נארעלע, נעה וואש זיך אוים די אויגען, עס איז דאך א שאנדע, מיר וועלען זעהן.

דוד

צושטעהענדיג.

זאג מיר צו, טאטעניו.

שטיינבערג

נעה, נעה, איך וועל דיר לאזען וויסען שפעטער.

דוד ציהט אפ פריילינג.

געלטמאן

הערר שטיינבערג, איהר ליעבט אייער זוהן, איך וויים, אז

איהר וואָלט איהם וועלען זעהן גליקליך, געווים ווילט איהר ניט, אז ער זאָל געהן פאר א סאָלדאט, הייגט צו דעם אלעם מוז מען האָבען די דריי זאכען: געלט, און נאָך אמאָל געלט, און ווידער אמאָל געלט. איך וועל שרייבען דעם בריף און איהר וועט אונטערשרייבען. נעמט די פען. א קלאפ אין טיר. קומט אריין. עס קומט אריין ר' ברוך און רבקה.

ברוך

גוט אָוועגט.

שטיינבערג

גוט אָוועגט אומגערעכטע געסט.

ברוך

ניט קיין אָנגעלעגטע געסט, וואָס דען האָט איהר געדענקט, מיר וועלען זיך לאָזען קוילען פון אייך.

שטיינבערג

ווער וויל אייך דען קוילען?

ברוך

מיר וויסען שוין פון אלעם. נא זעה וואָס דער פריץ שרייבט מיר, אז דו האָסט איהם געמאכט אן אנטראג, זעה! איך וועל דיך נעמען צום רב.

רבקה

וויינענדיג.

וואָס האָט איהר צו אונז? וואָס פאר א שלעכטס האָבען מיר אייך געטאָן, ווארום נעמט איהר צו ביי אונז דאָס שטיקעל ברויט? וויינט.

געלטמאַן

איי האָב איך ליעב די ווייבער מיט זייערע טרערען — וואָס איז דאָ דאָ זיך צו באהאלטען, עס איז אן אָפענע קאָרט! דער פריץ וועט אייך ניט אוועקגעבען די ארענדע פאר דעמ־זעלבען פרייז, וואָס איהר האָט געצאָהלט, קאָנט איהר באַ־צאָהלען מיט דריי טויזענט רובעל מעהר? זאָגט! נו, אז איהר קענט ניט וועט אייך דען זיין בעסער, אז א פרעמדער אָדער פילייכט א קריסט וועט דאָס צונעמען? פארקערט, א

הײמישער מענש, איהר װעט פילײכט קרינען א שטעלע בײ הערר שטײנבערג.

רבקה

הא, בײ איהם זײן א משרת, ניט דערלעבען זאלען מײנע שונאים.

ברוך

דו מערדער, װער האט דען אנגערעדט דעם פריץ, אז ניט דו, מיר װעלען דיך ארײנװארפען אין חרם, מען װעט אין דײנע ד׳ אמות ניט װעלען שטעהן.

שטײנבערג

װאס זײט איהר געקומען אהער? װער שרעקט זיך פאר אײך. װערט אין כעס. געהט, טוט װאס איהר װילט, מיך שרעקט מען ניט מיט אזעלכע זאכען, איך האב נאך ניט גע־האט באשלאסען, נאר אז איהר זײט שוין יא געקומען מיט אזעלכע קולות, דאן! הערר געלטמאן שרײבט דעם בריף, איך שרײב דאס גלײך אונטער. געהט ארום נערװעז, די אויגען גלעזער פאלען איהם ארונטער און װערען צובראכען. נעהט, נעהט פון דאנעט.

רבקה

קום, מיר װעלען נעהן, גאט װעט זיך נוקם זײן פאר אונז.

ברוך

גערענק, פוי זאלסטו װערען.

א קלאפ אין טיר. קומט ארײן! אין כעס.

יאנקעל

עס קומט יאנקעל און ר׳ אליהו.

א גוטען אװענט אײך אידען. ר׳ גדליהו, אט דער איד האט מיך געבעטען ארומפיהרען איהם צו די שענסטע בעלי בתים פון שטאט, האב איך זײ געבראכט אהער, איך װײס, אז איהר לאזט קײנעם ניט ארויס ליידיג.

שטײנבערג

שלום עליכם א איד, זיצט, מיט װאס קאן איך אײך העלפען?

אליהו

קוקט זיך איבער מיט געלטמאנען. ער פארקריצט מיט די צײנער.

איך בעט חלילה ניט קיין נדבות, איך פארקויף בילע ספרים, בשמים׳לעך און אויגען גלעזער.

שטיינבערג

אויב אזוי האט אייך גאט געשיקט אין צייט, ווייל איך האב ערשט צובראכען מיינע, און איך קאן אהן זיי ניט זיין, פי־לייכט וועל איך קענען צופאסען ביי אייך א פאר ביז איך וועל פאהרען אין שטאדט און קריגען ריכטיגע.

געלטמאן

אלזא, הערר שטיינבערג, ענדיגט מיט מיר און נאכהער וועט איהר האנדלען אויגענגלעזער. אט בין איך פארטיג, שרייבט אונטער. *שטיינבערג נעמט די פען, טונקט איין, וויל שרייבען.*

ברוך

שרייב, שרייב, גאט וועט דיר באצאהלען פאר צונעמען דעם לעצטען ביסען פון מויל. פוי זאלסטו ווערען, קום, מיר וועלען געהן. *אפ. א קלאפ מיט דער טיר.* ר׳ יאנקעל, זייט אזוי גוט. *זיי אפ.*

אליהו

ר׳ גדליהו, איהר דארפט זיך אונטערשרייבען! וואלט איך אייך ראטען, איהר זאלט זיך פריהער צופאסען די גלעזער, צו וואס זיך אנשטרענגען די אויגען! און ווידער, מיט מיינע שפאקולען וועט איהר בעסער זעהן, אויף וואס איהר שרייבט זיך אונטער.

געלטמאן

עס מאכט ניט, הערר שטיינבערג ווייסט וואס זיי שרייבען אונטער, עס איז דער וועג צו געלט און רייכטום.

אליהו

אה דער וועג צו רייכטום, איך האב אייך עטוואס צו זאגען, אבער עס מוז זיין אונטער פיער אויגען.

געלטמאן

דאס מיינט איהר מיך? שרייבט אונטער או זאיך געה גלייך.

אליהו

ניין, איך בין א פרעמדער, נאר איך ראט אייך צו ווארטען

ביז איהר וועט מיך אויסהערען, דאָס וועט ניט פארלוירען געהן שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט.

שטיינבערג

ביטע הערר געלטמאַן, געהט אריין אין צווייטען צימער, לאָמיר הערען וואָס דיזער מאַן פארלאַנגט. געלטמאַן אָב אין כעס.

אליהו

ה׳ גדליהו, דיזער מאַן וויל אייך פיהרען צום וועג פון רייכטום, און איך וועל אייך צייגען דעם וועג, דורך מיינע שפּאַקולען, טוט אָן, און קוקט גלייך, שרעקט אייך נים.

שטיינבערג

טוט אָן. עס ווערט פינסטער, עס צייגען זיך וואָלקענס. שטיינבערג שרייט.

לאָזט מיך אליין! לאָזט מיך אליין! וואָס איז געשעהן מיט מיר, געהט אייך, געהט אייך פון דאַנעט, דוד׳על! דוד׳על! מיין קינד, מיין זוהן.

אליהו

וואָס זעהט איהר? רעד, דערצעהלט, וואָס איז געשעהן?

שטיינבערג

העלפט! העלפט! וואָס טוט מען? קוקט! קוקט! זעהט אויך!

עס ווערט פינסטער און עס ענדערט זיך דער פאָרהאַנג.

דרוי יאָהר שפּעטער. ווינטער צייט, עס שנעעט, עס בלאָזט אַ שטאַרקער ווינט, דער פראָסט ברענט, לעבען דער פריסטוטסטווא שטעהען פרויען און מענער ציטערען פון קעלט, די מאַנסבילען האַלטען זייערע הענט אין די אַרבעל און קלאַפּען מיט די פיס, די פרויען בלאָזען אין די קולאַקעס, וויינען און בליפען שטילערהייט. עס הערען זיך די ווערטער „גאָטעניו האָב רחמנות“. פון וויטענס הערען זיך געזאַנגען פון רוסישע רעקרוטען, אויסגעמישט מיט געלעכטער. עס קומען אידישע יונגעליים, געבונדען דעם קאָפּ, מיט פאַרשטעקטע אויערען און מיט אונטערגעבונדענע הענט.

יאַנקעל

שכור׳ליך.

אה חברה! טשטאַ איסוואַמי? איהר קומט אין אַ באַלניצע, הא? נעבעך אלע שלאָף, און אז מען וועט אייך זאָגען ניע־

גאָדין, וועט איהר לויפען גלייך התונה האָבען? נו, צו דעם טויגט איהר? הע, פישעל, דו רויטער גנב, וויפעל עסיג האָסטו היינט אויסגעטרונקען? קוקסט דאָך אויס ווי א גע־מאַרענירטער פיש, און דו גנעצעל, גנעהסט פארשטאָפּט די אויערען, הא! איך פארשטעה, זיך געמאַכט טויב און הערסט די גאַנצע וועלט פאר א פעטאַק. *צו אַן עלטערע פרוי.* וואָס וויינט איהר? איהר דארפט דאָך דאַנקען גאָט, וואָס איהר האָט אַזאַ זוהן. *וועלכער הוסט און קוים דעם אָטעם כאַפּט.* ער איז דאָך דער גליקליכסטער דאָ. וואָס רעדט איהר, אַזאַ גליק! ער האָט דאָך טאַקע די ריכטיגע טשכאָטקע, און פאר דיר חאצקעל וועל איך בעטען מען זאָל דיך ארויסלאָזען, אויף איהם איז נעבעך א גאָט׳ס רחמנות. זיין מאַמע ליגט טויט.

פרוי

א יתום נעבעך.

יאַנקעל

חלילה, ניט קיין יתום, זיין פאָטער ליגט טויט שכור, איך האָב איהם ערשט געלאָזט אין שיינק. און דו יאַנע, טראָגסט דאָס היטעל אריבער דעם שטערען, כא! כא! פארשטעה שוין, זיך ניט געלאָזט קעמען קליינערהייט, מאַלאָדיעץ, עס קומט איצט צוניץ. *עס קומט ר׳ ברוך, רבקה, משה און חייקע.* גוט מאָרגען אייך, דיך משה׳לע דאַרף איך האָבען, האָסט דאָך עפּעס א גמרא קעפּעל, זאָג מיר נאָר, וואָס איז דער אונ־טערשיד פון א תענית ביז *צייגט אויף יאַנען.*

משה

מה ענין שמיטה אצל הר סני? וואָס קער זיך אָן בוידים מיט לאָקש.

יאַנקעל

אָטשען פראַסטאָ! פאַסטען פאַסט מען ביז שטערען, און ער טראָגט דאָס היטעל אריבער דעם שטערען. *צו זיך:* מען דאַרף א זופּ טאָן. *שלעפּט אַרויס אַ שקאַליק, זופּט און שאָקעלט זיך.*

חייקע

איהר ווייסט ר׳ יאַנקעל, ווען איהר זאָלט איצט דארפען

שטעהן צום פריזיוו וואלט מען אייך ניט צוגענומען, ווייל איהר זייט נעבעך שוואך אויף די פים.

יאַנקעל

איך שכור, ניקאק ניעט.

משה

חלילה ניט שכור, נאָר מלא א פאלנער מענש, פארשטעהסט.

רבקה

הערט אויף קינדערלעך, איצט איז ניט די צייט צום שפאסען, עפעס איז מיר דאָס האַרץ אזוי שווער, קוקט וויפיעל קראנקע עס זיינען דאָ, איך האָב מורא מען זאָל חלילה ניט אָנקומען צו פערוועס ליגאַטניקעס.

ברוך

ניין! אזוי שטארק וועט מיך גאָט ניט שטראָפען, מען האָט ביי אונז צוגענומען די פרנסה, שוין דריי יאָהר ווי מען מו־טשעט זיך אויף דעם שטיקעל ברויט, אָבער נאָך צונעמען אונזער איינציגען טרייסט, אונזער משה׳לע, ניין, גאָט איז אַן אל רחום וחנון, ער האָט אונז נאָר געוואָלט אויספרובען, זעהן צי איך וועל זינדיגען געגען איהם, אזוי ווי ער האָט גע־טאָן מיט איוב׳ען.

משה

זאָל ער דיך בעסער פרובירען, ווי אברהם אָבינו — ער האָט איהם נעהייסען קוילען זיין זוהן, און האָט אונטערגעשטעלט אַן אנדער קרבן.

ברוך

ביזט גערעכט מיין קינד.

רבקה

אָבער ביי אברהם ביז גאָט האָט געראטעוועט יצחק׳ען איז שרה געשטאָרבען פון שרעק.

חייקע

מאמע, איך בעט דיך, רעד ניט אזוי, עס ווייגט מיר דאָס האַרץ. שפאַרט זיך אָן דער מוטער. וויינט שטיל.

יאנקעל

הא! דו וויינסט אויך חייקעלע — האב קיין מורא ניט, פייערלעך נעמט מען ניט פאר סאלדאטען, ווייסט פאר וואס?

חייקע

פאר וואס?

יאנקעל

ווייל ווען מען מעסט טוט מען אוים נאקעט, נו וואלט גאנץ נאטשאלסטווא געוואלט מעסטען.

עס הערען זיך די געזאנגען פון רעקרוטען.

חייקע

טאטע, פאר וואס זיינען יענע אזוי פריילין, מען זינגט, מען שפרינגט, מען לאכט, פאר וואס וויינען ניט זייערע טאטע מאמע? און ווי געזונט זיי זיינען, און אט די צייגט אויף די אידישע פארוויינטע, איינגעבויגענע, דערשלאגענע, פארשמאכטע, ווי אום יום כפור, א יא עס איז עפעס נישט גלאט.

ברוך

מיין קינד, ביזט נאך צו יונג דאס צו פארשטעהן.

יאנקעל

איך וועל דיר זאגען, ווייל זיי גלויבען, אז עס איז געזינטער א זופ איידער א כליפ, אזוי ווי איך ווען עס ווערט מיר ביטער אויפ'ן הארצען, אז איך פיהל זיך עלענד, איינזאם אהן א היים, פארוואגעלט, פארשטויסען, איז איידער בייכקען גנעה איך אין די שיינקען, פאניעמאיעש?

רבקה

ארים קינד, ווי יונג דו ביזט, איז שון דיין לעבען פארשמערט, ליידסט אזו פיעל צרות, אפשר וואלסטו געגאנגען אהיים. עס איז אזוי קאלט, עס וועט נאך נעמען לאנג ביז מען וועט רופען אונזער משה'לען, גנעה מיין קינד, גנעה.

חייקע

ניין מאמע, איך וויל זעהן, איך וויל לויפען אנזאגען די גוטע בשורה אונזער רחל'ען, זי זיצט אין דער היים, און בעט גאט פאר משה'לען, און אפילו פאר דוד'על שטיינבערג.

רבקה

דערשראָקען.

וואָס?

חייקע

ניין, זי האָט געזאָגט פאר אלע אידען, האָב איך זי געפרעגט און דוד'על שטיינבערג? האָט זי געענטפערט ער איז דאָך אויך א איד. עס קומען גדליהו, דוד און געלטמאַן.

רבקה

עס האָט מיר געטאָן א קלאפּ אין הארצען.

געלטמאַן

א קלאפּ אין פּלייצע שטיינבערג'ען.

כא כא, איהר זעהט אָט די אלע חברה? וואָס וואָלט איצט פּאסירט מיט אייער דוד'על? הא? אָבער אז עס איז דאָ ממתקים? אוואה! דער קלאנג פון געלט איז די בעסטע מוזיק פאר די רוסישע טשינאָווניקעס.

דוד

אָבער פארגעסט ניט, אז דורך מיר וועט מען צונעמען אַן אנדער אידען.

געלטמאַן

נארישקייטען יונגערמאַן, אָדם קרוב לעצמו, צווערשט דארף מען זיך אין זינען האָבען, א יאָ הערר שטיינבערג, וואָס זאָגט איהר? כא! כא!

שטיינבערג

געוויס.

געלטמאַן

אם אין אני לי מי לי, אויב ניט איך זעלבסט? ווער דען?

שטיינבערג

אָבער ווי אזוי פאנגט מען אָן רעדען צום דאָקטאָר, פּילייכט לאָזט ער זיך ניט.

געלטמאַן

לאָזט דאָס צו מיר, איך געה גלייך אריין, איך וועל מיט איהם דורכקומען. ציהט אָפּ. באַסנע קלינגט אכט.

יאנקעל

העי, חברה, נאך א האלבע שעה. צו איינעם. בחור פארגעס ניט אביסעל זיך איינבויגען, וועסטו ניט האלטען די מאס אין דער לענג, און דו ציה זיך אוים אביסעל וועסטו ניט האלטען די מאס אין דער ברייט, דו זאלסט הוסטען שטארק, דו זאלסט ניט הערען און דו יאנע פארגעס ניט למע"ש זיך קראצען.

עס קומט רחל און ר' אליהו.

רחל

דא איז דאס ר' אליהו. דערזעהט שטיינבערג, טוט זיך א כאפ ביים הארצען. פאלט צו משה'לען. מיין ברודער, מיין טייערער ברודער. וויינט.

אליהו

קינדערלעך, קויפט אייך תהלים'לעך, בעט גאט און ער וועט זיך איבער אייך מרחם זיין און ארויסנעמען אייך פון גוי'שע הענט.

געלטמאן

קומט ארויס, לאכט שטארק, דערזעהט אליהו'ן. ווערט שטילער. צו זיך.

ער איז שוין ווידער דא.

שטיינבערג

וואס הערט זיך?

געלטמאן

אלעס איז בלאגאפאלאטשנע. (ווי געהער צו זיין.)

אליהו

געהט צו דוד'על.

יונגערמאן קויפט א תהלים, וועט אייך גאט אויסלייזען פון גוי'שע הענט.

געלטמאן

כא כא, מיר האבען א בעסערע סגולה, א רוסישער טשינאווניק פארשטעהט בעסער אזעלכע בלעטלעך צייגט געלט ווי בלעטלעך פון תהלים, הא.

אליהו

יא, איהר האט רעכט, עס העלפט פילייכט בעסער אבער דיזע

בלעטלעך זיינען הייליגע, ריינע, אבער דיזע זיינען פארפלעק־
טע, פארבלוטיגטע, איהר פארשטעהט? געהט אוועק פון זיי.

שטיינבערג

יא, ווי אזוי האט איהר זיך דורכגערעדט מיט׳ן דאקטאר?

געלטמאן

גאר פשוט, איך בין אריין און איהם געזאגט: הערר דאקטאר, מיינער א פריינד דאוויד שטיינבערג דארף היינט שטעהן צום פריזיוו, וואלט ער וועלען וויסען וויפיעל? וועט נעמען... ביז מען וועט איהם רופען, איך דענק אז צוויי צייגט אויף די פינ־גער שטונדען, ניט מעהר? ער האט מיך גלייך פארשטאנען און זאגט, ניין, מעהר, צום ווינציגסטען דריי! דריי! איך האב איהם געגעבען די האנט, דאנקענדיג, און איבערגעלאזט דאס געלט ביי איהם. כאכאכא! א בעסערער מיטעל ווי זא־גען תהלים, ניט אמת? עס הערט זיך א שטימע „גאוואאבראנ־ציעס“! עס ווערט א געשריי, א געפילדער, אלע שטופען זיך צו דער טיר.

רבקה

נעמט ארום משה׳לע, פרעסט איהם צום הארצען. וויינט.

משה׳לע, משה׳לע מיין קינד.

משה

געגנוג מוטער, איך בעט דיך. קושט אלעמען, ציהט אפ.

רבקה

נעמט ארום רחל׳ע און חייקע.

מיינע קינדער, מיר איז אזוי שווער אויפ׳ן הארצען, מיך שרעקט דאס זעהר שטארק.

ברוך

מען טאר ניט זיין אזוי, מען דארף האבען בטחון אין השי״ת.

אליהו

יא, איהר האט רעכט, נאט האט פארשריבען אום ראש השנה „מי בחרב“, ווער עס זאל זיין א סאלדאט מיט א שווערד, און אויב אייער משה׳לע דארף חלילה געהן דיענען, איז דאס גאטס ווילען, מען מוז אפקומען אויף דער וועלט אום צו האבען יענע וועלט.

יאַנקעל

טאַק טאַטשנע, רבי, איבער דעם טרינק איך דאַ ביטערם אום איך זאָל האָבען אויף יענער וועלט זיס. אַפּ.

רבקה

ווארום זאָל דאָס אזוי זיין, אז דער וואָס איז גוט און פרום, העלפט ארוים אנדערע, האָט רחמנות אויף אָרימע, דער קומט אָפּ, ליידט צרות און יסורים, און דער וואָס נעמט צו ביי יענעם, קוקט אויף שטיינבערג׳ען, ראַבעוועט, ווערט רייך, איהם שפּיעלט דאָס מזל, לעבט גליקליך, פריילין, דיינקט איהר ניט, אז גאָט וואָלט באַדאַרפט באַשטראָפען אזעלכע, אום אָפּצושרעקען אנדערע.

רחל

מוטער, רעד ניט אזוי, וואָס קען מען זיך העלפען.

חייקע

איך זאָג אויך אזוי, אז עס איז עפּעס טאַקע נישט גלאַט.

ברוך

רבקה׳לע, זינדיג ניט נעגען גאָט, גאָט ב״ה ווייסט אליין ווי אזוי צו פיהרען זיין וועלטעל.

אליהו

שרעקט אייך ניט קינדערלעך, גאָט וועט צאָהלען מדה כנגד מדה, ער הויבט אויף ביז אין הימעל און ווארפט איהם נאָכ־הער ארונטער ביז דער ערד.

יאַנקעל קומט ארוים.

ברוך

וואָס הערט זיך דאָרט?

יאַנקעל

איי עס האַלט שמאָל, אויב מען וועט בראַקעווען נאָך איינעם וועט מען אָנקומען צו פּערווע ליגאַטניקעס.

רבקה

וואָס? כאַפּט זיך ביים קאָפּ.

ברוך

און ווער איז דער לעצטער?

יאנקעל

שטיינבערג. עס לויפט ארוים דוד'על, פריילין, שרייט „ניעגאָ־דין". פאטער און זוהן אומארעמען זיך.

געלטמאן

א מזל טוב, א יונגערמאן. נו, וואס זאגט איהר איצט, האב איך געמיינט אייער טובה? איצט פארשטעהט איהר שוין?

רבקה

געוואלד מיין קאפ, האלט מיך צו רחל'ע, האלט מיך שטארק.
משה קומט ארוים, פארוויינט, דעם קאפ ארונטערגעלאזט.

רבקה

מיין זוהן, ווי אזוי וועל איך לעבען אהן דיר, ווי אזוי וועל איך דאס איבערטראגען, מיין קינד, מיין אויג אין קאפ, ווער וועט אכטונג געבען אויף דיר, אה! מיינע שבתים, מיינע ימים טובים, מיין גאנץ לעבען צובראכען. רייסט זיך די האר. עס קען ניט זיין, עס וועט ניט זיין, מיין קאפ! מיין קאפ! א קרבן! א קרבן און שרה איז געשטארבען.

ברוך

בארוהיג דיך, רבקה'לע, גאט איז מיט דיר.

רחל

מוטער! מוטער האב רחמנות, אויף זיך, אויף אונז, אויף איהם אליין, שרעק אונז ניט איבער.

רבקה

ווערט היסטעריש. מיט ווילדע אויגען.

מענשען, ווער וועט וואגען צו נעמען מיין קינד, איך וועל שלאגען, איך וועל הרג'ענען, נעמט מיך, מיין הארץ, מיין נשמה, רייסט די קליידער, ניט מיין משה'לע, ניט איהם. פאלט אויף איהם. ניין! ניין!

חייקע

מאמע! מאמע!

פ א ר ה א נ ג.

דריטער אַקט

עס שטעלט פאָר ר׳ ברוך׳ס הויז, זעהר אָרים, אַ טיש מיט פּראָסטע בייַנקלעך, געגענאיבער אַ שלאָפצימער מיט אַ פאָרהאַנג, וועלכער פאַרציהט זיך ווען נויטיג.

רחל

דרעהט זיך אַרום, צינדט אָן אַ לאָמפּ. אַ קלאַפּ אין טיר.

קומט אריין! עס קומט אַריין דוד׳על, קוקט אויס בלאַס און דערשלאָגען, האַלט זיך ביים האַרצען.

דוד

גוט אָוועגט רחל׳ע, איך בין אזוי גליקליך, וואָס איהר זייט אליין דאָ, איך האָב געוואַרט אַ שטיק צייט, ביז איך האָב באמערקט, אז אייער מוטער און חייקעלע זאָלען אוועק פאַר אַ שפּאציר. אָה ווען איהר זאָלט וויסען ווי איך לייד, איך שלאָף ניט קיין נעכט, מיר געהט ניט קיין עסען, מיין לעבען איז מיר מיאוס, אָהן אייך קאָן איך ניט לעבען און וויל ניט לעבען.

רחל

גאָספּאָדין שטיינבערג, וואָס ווילט איהר פון מיר? האָב איך דען קארג צרות, די פּרנסה איז שלעכט, מיין מוטער איז קראַנק זינט יענעם טאָג, אָרימע מאַמע. וויינט. שוין איבער אַ יאָהר ווי זי איז אזוי קראַנק, מרה שחורה, טאָג און נאכט שרייט זי מיין „קינדעלע“, האַלט משה׳לע׳ס בילד וואָס ער האָט צוגעשיקט, אין סאָלדאטסקע קליידער, קושט זי, לאָזט זי פון די הענט נישט ארויס, מיין הארץ ווערט צוריסען אויף שטיקלעך קוקענדיג אויף דעם, הייגט משה׳לע אליין, ווי ער מוטשעט זיך נעבעך, און איצט אז מען רעדט פון מלחמה, שטעלט אייך פאָר אז מיין מוטער וועט גוואָר ווערען, זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטען, זי וועט חלילה שטאַרבען. וויינט.

דוד

ווייגט ניט טייערע. כאפט זיך ביים הארצען. איהר ווייסט, אז מיין טאטע האט חרטה אויף דעם פארברעכען, וואס ער איז באגאנגען געגען אייער פאמיליע, ער שלאפט ניט דורך די נעכט, ער איז געוועזען ביי א גוטען אידען און דער רבי האט איהם געהייסען בויען א שוהל, געבען צדקה, און ארויסנע־מען משה'לע פון גוי'שע הענט. ער וועט זיך לאזען קאסטען א פארמעגען, ער רוהט ניט, טאג און נאכט לויפט ער צו נאר־טשאלסטווא, און מען ניט איהם גוטע האפנונגען.

רחל

איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איך ליעב אייך שטארקער פון אלעס, אבער...

דוד

אבער וואס?

רחל

ווי אזוי קען איך געהן געגען מיינע עלטערען, ווי אזוי קען איך זיך פאראייניגען מיט דער פערזאן, וועלכע מיין טאטע מאמע האלטען פאר זייער בלוטיגסטען שונא.

דוד

דארפען קינדער אפקומען פאר עלטערנ'ס זינד? וועט זיי דען בעסער ווערען ווען אייער הארץ וועט אויך צובראכען ווערען? וועט דען זייער וואונד פארהיילט ווערען ווען ביי מיין פאטער וועט שטארבען א זוהן?

רחל

פארגעסט אבער ניט, אז דעם מענשענ'ס נאטור, איז ניט צו קושען די גיפטיגע שלאנג, וועלכע האט ארייגעלאזען דעם טויט גיפט, מען צוקלאפט איהר דעם קאפ אבוואל עס העלפט ניט צום בים.

דוד

איהר מוזט אבער וויסען, אז יעדער מענש קען אמאל באגעהן א פעהלער, און ווען ער האט חרטה און וויל גוט מאכען דעם שאדען קומט איהם מוחל צו זיין.

רחל

אָבער ניט יעדען שאָדען קאָן מען גוט מאכען, ער קען באַצאָהלען דאָס געלט וואָס מיר האָבען פארלוירען, קאָן ער דען באצאָהלען פאר די שמערצען וואָס מיר האָבען געליטען? קאָן ער דען געזונט מאכען די מוטער? איהר גיבען צוריק דעם פארשטאנד? אָה! שטיינבערג! שטיינבערג! איך ליעב אייך אָבער מיין מוטער ליעב איך דאָך אויך. געהט צו איהם, בויגט אָן דעם קאָפּ אויף זיין שולטער און וויינט.

דוד

רחל׳ע, רחל׳ע, גלעט זי, א שרעקליכען קאמף דארפען מיר דורכפיהרען, א קאמף פון ליעבע און אומשטענדען, רחל׳ע טייערע, איך קען זיך פון אייך ניט שיידען, איך קען ניט, אוממעגליך פאר מיר. אומארעמט זי.

רחל

רייסט זיך ארויס.

לאָזט מיך, לאָזט מיך, איך וויל אזא פארברעכען ניט באגעהן אום צו היילען מיין הארץ. זאָל איך צוברעכען, צוטרעטען מיין אומגליקליכע מוטער׳ס הארץ? ניין! איך וועל ליעבערשט מיין הארץ אינגאנצען ארויסרייסען רייסט מיט די פינגער אָבער ניט מיין מוטער׳ס, ניין! ניין!

דוד

רחל׳ע, לאָזט מיך קומען צו אייך אין הויז, זיך דורכרעדען מיט אייער פאָטער. איך בעט אייך, ערלויבט מיר. עס הערט זיך טריט.

רחל

געהט איצט אוועק, דאָס קומט מיין מוטער. אָב.

חייקע

פיהרט רבקה׳ען, בלאַס.

העלף מיר רחל׳ע די מאמע אוועקלעגען, זי פיהלט איצט שוואך

רחל

ווי פיהלסטו מוטער?

רבקה

מיין קינד, מיין משה׳לע, וואו ביזטו איצט? אוי עס איז מיר

שלעכט. נעמט זיין בילד פרעסט צום הארצען. קינדעלע מיינס שייניניקס, דיין מוטער וויל דיך זעהן, נאך איין קוק טאן אויף דיר, נאך איין גלעט טאן דיך, מיר זאל זיין פאר דיינעביינדעלעך. מיין קאפ! מיין קאפ.

רחל

אומארעמט זי.

מוטער ליעבע, מוטער, מיט וואס קען איך דיר העלפען, מוטער בארוהיג זיך, איך בעט דיך, דו טארסט ניט זיך אזוי צוערגערען, קום לעג זיך צו אביסעל. זיי פירען זיי אין צימער און לעגען זי אוועק.

רבקה

קינדערלעך, לאזט מיך אליין, איך וועל פיליכט איינדרעמלען. קושען איהר, פארציהען דעם פארהאנג.

רחל

ווי אזוי האט געפיהלט די מאמע ווען דו האסט מיט איהר שפאצירט?

חייקע

וויינענדיג.

זי איז אויף דעם וועג געווארען מרה שחורה, האט געשריען, געוויינט, זיך געקנייפט, און איך בין געוועזן מיט איהר אליין. אבער דו האסט דאכט זיך אויך געוויינט, וואס איז געשעהן?

רחל

גאר ניט.

חייקע

איך וויים, האסט זיך באגעגענט מיט א גוטען פריינד אונזערען?

רחל

חייקעלע מיין שוועסטער, איך וויים ביזט נאך א קינד, דאך די צרות האבען דיך אלט געמאכט פאר דער צייט, איך האב ניט פאר וועמען אויסצוריידען מיין הארץ, און ריידען מוז איך, אז ניט וועט מיין הארץ פלאצען. דו וויסט, דוד'על איז דא היינט געוועזן.

חייקע

איך ווייס, איך ווייס זאָגאר וואָס ער האָט דיר געזאָגט, אָבער וואָס האָסטו איהם געענטפערט?

רחל

וואָס וואָלסטו געזאָגט?

חייקע

איך וואָלט געזאָגט, ניקאַק ניעט!

רחל

איי ביזט א קינד, זאָגען קאָן מען אַלעס, אָבער וואָס טוט מען מיט'ן הארצען, עס האָט דאָך אויך א דעה, עס צופט, עס נאָגט, עס קלאַפּט, עס סטראַשעט מיט אויפהערען ארבייטען, וואָס טוט מען דאַן? דו ווייסט, אז פארשטעהן און פיהלען, קומען ניט פון זעלבען פלאַץ, און אז די צוויי חברה נעמען זיך בוצקען איז שווער אויסצוהאַלטען.

חייקע

ביזט ניט די איינציגע, ביי דער מוטער רבקה פלעגט זיך אויך בוצקען ווען זי איז דורכגעגאַנגען א שוהל אָדער להבדיל א קלויסטער.

רחל

שוועסטערל, וואָס זאָל איך טאָן? פארברעכט די הענט. ער וויל דאָך היינט קומען צו אונז, ווי אזוי וועל איך דאָס אי־בערלעבען, טאַמער שטופּט איהם דער טאטע ארויס פון הויז. אָה גאָט מיין גאָט, וואָרום צייגסטו דעם מענשען דאָס גליק און לאָזט ניט זיך צוריהרען צו דעם, אָדער לאָז דעם פאַר־פראָרענעם אָנוואַרעמען, אָדער אין גאַנצען פארפראָרען ווע־רען, צו וואָס דאָס מוטשען.

רבקה

פון יענער זייט פאָרהאַנג.

חייקעלע, ווער וויינט דאָרט?

חייקע

קיינער ניט, עס האָט זיך דיר אויסגעדוכט.

רבקה

אוי מיין קינד, מיין איינציג קינד, וואו ביזטו איצט? וואָס

טוסטו? אוי עס איז מיר שלעכט, עס איז מיר ביטער. א קלאג אין מיר. קומט אריין!

יאנקעל פרייליך.

גוטען אווענט אייך קינדערלעך, מיר קומט א מזל טוב.

חייקע

וואס איז געשעהן, געווארען א שיינקער?

יאנקעל

נאך בעסערס.

רחל

געוואונען א גרויס געווינס.

יאנקעל

איי, נאך בעסערס.

חייקע

נו זאגט שוין אמאל.

יאנקעל

איהר ווייסט דאך, אז דער רבי האט געהייסען שטיינבערג'ען בויען א שוהל.

רחל

נו?

יאנקעל

בין איך געווארען דארט דער שמש.

חייקע

וואס זשע איז די גדולה אויף אייך?

יאנקעל

איי, פארשטעהסט נאר ניט וואס פאר א גוטע דאלזשנעסט דאס איז, איין מאל ביזטו זיכער צו קריגען אן עליה איין מאל אין יאהר, „צו דער תוכחה", צווייטענס, ווילסטו זיך נוקם זיין אין אימיצען קענסטו.

חייקע

ווי אזוי?

יאנקעל

נאר פשוט, ערב יום כפור, ווען דו שלאגסט מלקות. צים־בעלסטו אריין אביסעל שטארקער, פאניעמאיעש? היינט א

לחיים צו יעדער צייט, אַ חתונה, אַ אַ תנאים, אַ יאָהרצייט, אַ לויה, און יעדער איז דיר גלאַט מקנא.

רחל

נעווים, אַ קלייניקייט, אַ שמש?!

יאַנקעל

וואָס זשע שפּיעלסט זיך עפּעס מיט אַ שמש? ווינטער שטעהט ער ביי דעם אויווען איז איהם וואַרים, זומער שטעהט ער ביי דער טיר איז איהם קיהל, און אַז עס קומט אַ יום טוב?

חייקע

נו וואָס איז דאַן?

יאַנקעל

עפּעס אַ קלייניקייט, מען קען דאָך אָהן אַ שמש ניט אויס־קומען, אויף פּורים שלח מנות, אויף פּסח חרוסת, אויף שבועות גרינס, אויף ראש השנה ליכט, יום כפּור אויף כפּרות, אויף סוכות אַן אתרוג, הייגט שמחת תורה, איי איי, הלואי וואָלט געווען 364 טעג שמחת תורה.

חייקע

עס איז דאָך דאָ 365 טעג.

יאַנקעל

וואָס פאַרשטעהסטו ניט, דעם לעצטען טאָג טרינקט מען דאָך נאָפּאַחמילאַ.

רחל

ביי איינעם איז אַלע טאָג שמחת תורה, ביים צווייטען אימער יום כפּור.

יאַנקעל

אַ נייעס ביי דיר, עס קען זיין אַ סך תעניתים, אָבער נאָר איין מאָל פּורים.

חייקע

וואָס זשע, עס איז דאָ ווינציג המנ׳ס?

יאַנקעל

עס איז דאָ אריבער גענוג, אָבער פאַרשטעהסט, אום צו הענ־גען אַ המן, דאַרף מען האָבען אַ מרדכי, און ווי נעמט מען

אזוי פיעל מרדכי'ס, און אליין זיך הענגען, ווילען זיי ניט כאַטש גיב זיי א קרענק.

רחל

און וואו שלאָפט איהר?

יאַנקעל

וואָס הייסט, א געלעגער האָב איך אן אנטיק, אין שוהל אויף א באנק, מיט א קולאַק צוקאָפּענס, און אויב עס איז צו הויך, שלעפּ איך ארוים א פינגער.

חייקע

און פאר די מתים האָט איהר קיין מורא ניט? מען זאָגט, אז 12 א זייגער ביינאכט קומען די מתים אין שוהל דאווענען.

יאַנקעל

ניין, צו מיר קען קיין מת ניט צוטרעטען.

רחל

ווארום, אזא מיוחס זייט איהר?

יאַנקעל

גאָר פשוט, איך שריי דאָך אימער לחיים! לחיים! און פאר א לחיים ציטערען זיי ווי פאר'ן טויט.

רחל

און דער אלטער שטיינבערג קומט אָפט אין שוהל?

יאַנקעל

וואָס הייסט, ער איז דאָך געוואָרען אזוי פרום, דריי מאָל א טאָג קומט ער. איהר ווייסט, זייט משה'לע איז אוועק געהט ער ארום זעהר צוטראָגען און דער יונגער שטיינבערג איז דאָך קראנק געוואָרען, א סברה אז ער האָט געקראָגען א הארץ קלאפּעניש.

רחל

א א וואָס?

יאַנקעל

וואָס האָסט זיך אזוי דערשראָקען?

רחל

איך מיין צו זאָגען, אז מענשען, פריהער זינדיגען זיי און נאכהער טוט זיי באנק.

חייקע

וואָס איז אַ האַרץ קלאַפּעניש, עפּעס אַ געפעהרליכע קריינק?

יאַנקעל

חלילה, ניט געפעהרליך. מען קען נאָר שטאַרבען, אַזוי גאָר פּלוצלונג, אָבער ווייטער איז דאָס גאָר ניט מיט גאָר נים, יאָ איך זאָג אייך, אַז שטיינבערג אליין איז גאָר ניט אַזוי שלעכט נאָר דער אופּראַווליייעשטשע זיינער, דער געלטמאַן, עפּעס ווי אַ ניט גוטער געהט ער איהם נאָך, ער רעדט איהם אלעס איין, און נאָר צום שלעכטען, טשאָרט פּאָדערי.

עס הערען זיך טריט.

רחל

דאַכט זיך, אַז פּאַפּאַ קומט. חייקעלע לויפט עפענען די טיר.

ברוך

קומט פאַרעלטערט, בלאַס, מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, בויגט זיך אונטער דער משא.

גוט אָוועט אייך קינדערלעך און ר' יאַנקעל.

יאַנקעל

לויפט, כאַפּט אַרונטער דאָס פּעקעל.

איי איי, אַזא שווער פּעקעל.

ברוך

זעהט איהר דאָך, וואָס עס קען ווערען פון אַ מענשען, געוועזען אַ שעהנער בעל הבית, אַן גפענע טיר, און היינט גנה איך אַרום, קויף אַ פּעלבעל, אביסעל תבואה, וואָס עס מאַכט זיך. איי! איי! יאָ קינדערלעך, וואָס מאַכט עפּעס די מאַמע?

חייקע

וואָס זאָל זי מאַכען? אונזערע שונאים זאָלען שוין אַזוי מאַכען. זי איז ערשט אַנדרימעלט געוואָרען.

רחל

טאַטע, גנה זיך וואַשען, וועסט עפּעס איבערכאַפּען.

ברוך

קומט ר' יאַנקעל, וואַשט זיך, וואָס עס איז דאָ וועלען מיר עסען צוזאַמען.

יאנקעל

איך דאנק אייך, בין ניט הונגעריג, נאר אז איהר בעט מיך אזוי שטארק און ווילט דוקא אז איך זאל מיטנעהן, איז אויך די אייגענע מעשה. (זיי וואשען זיך. מען לעגט שווארצע ברויט און בארשט. ר׳ ברוך נעמט דעם ערשטען לעפעל, טראגט צום מויל, לאזט אפ צוריק, ווערט בלאס.)

רחל

וואס איז געשעהן פאטער?

ברוך

רחל׳ע, זאג מיר מיין קינד, איז דאס אלעס אמת, וואס איך האב געהערט אין גאס?

רחל

טאטע, וואס האסטו געהערט? וואס מיינסטו?

ברוך

מען האט מיר געזאגט, אז דו באגעגענסט זיך מיט זיין, מיט אונזער מערדער׳ס זוהן, איז דאס אמת? אז איהר ביידע פיהרט ליובקעס. (אויפגערעגט.) רחל׳ע, איז נאך מיינע צרות ניט פארפילט, איז דען קארג, וואס מיין פרוי איז קראנק, מיין זוהן א סאלדאט, מוטשע זיך פאר א שטיקעל ברויט. דו! דו! ווילסט מיך נאך צום איבריגען דערשטיקען, נעם קוילע מיך אין גאנצען, דער׳הרג׳ע אונז ביידען. (געהט צו צו איהר, נעמט זי ביים שולטער.) זאג, זאג איז דאס אמת? ווארום שווייגסטו?

רחל

טאטע, באשולדיג מיך ניט. (וויינט.) איך קען דיך ניט נארען, עס איז אמת, אז איך באגעגען איהם אמאל, איך קען אויך ניט לייקענען, אז, אז איך ווייס דיר ניט ווי אזוי דאס אויסצומאלען, וואס דאס איז אבער עס ציהט מיך אביסעל צו איהם. עס ווערט מיר אזוי גוט אויף דעם הארצען ווען איך זעה איהם, אבער מעהר גאר ניט טאטע, איך שווער דיר, אז מעהר גאר ניט, און אויב דו ווילסט, אז איך זאל איהם מעהר ניט זעהן, וועל איך דיר פאלגען טאטע, רעג זיך ניט אויף, איך בעט דיך.

ברוך

אויב איך וויל? ! און דו אליין? ווי קענסטו גאר פועל'ען ביי זיך מיט דעם זוהן פון אונזער בלוטיגסטען שונא, ווי אזוי קענסטו גאר שטעהן אין זיינע ד' אמות. איך וויל ניט, אז זאלסט א קוק טאן אויף איהם, אנטלויף פון איהם ווי פון פייער, הערסט! קלאפט אין טיש. עס זאל מעהר אזא זאך ניט געשעהן, עס איז פאר מיר א בזיון, א שאנד, אז ביי ברוך'ל'ס זאל אזא זאך פאסירען. עס הערען זיך געשרייען. וואס איז דאס פאר א קולות. לויפט ארויס.

חייקע

נו וואס האב איך דיר געזאגט, וואלסט איהם באדארפט זא־גען מיט'ן הארבען ווארט, ווי ר' יאנקעל זאגט, ניקאק ניעט.

ברוך

לויפט מיט אן אימפעט און מיט א ציטונג אין האנט.

געוואלד דער אומגליק איז געשעהן, עס איז געשעהן. שפא־צירט הין און צוריק, ברעכט די הענט.

קינדער

וואס האט פאסירט? וואס איז?

ברוך

נאט זעהט. לייענט. רוסלאנד ערקלערט מלחמה צו דייטש־לאנד און עסטרייך, די שלאכט האט זיך אנגעפאנגען. אוי משה'לע, משה'לע! רחל און חייקע וויינען. שטילער, איך וויל ניט אז די מאמע זאל געוואר ווערען, א נאט! זאל ער האבען אזוי. פארכאפט זיך. שעלטען! חלילה! ניין. נעמט זיך מיט ביידע הענט בוים קאפ. גאט, שטראף מיך ניט פאר מיינע מחשבות, אבער ווארום שטראפסטו מיך אזוי שטארק? איך וועל דאס ניט אויסהאלטען. מיין משה'לע אין דער מלחמה, מיין קינד, וואס וועט ווערען פון דיר. ער נעמט ארום די קינ־דער. קינדערלעך! א מלחמה אין מיר. דוד קומט.

רחל

טוט א קוויטש.

ד....ו....ד! ד ו ד!

ברוך

דו דא? ביזט מיר געקומען זאגען די בשורה, אז מיין זוהן איז אוועק אין דער מלחמה? מערדער! מערדער! ארויס פון מיין שטוב, ווי וואקסטו מיט דיינע שמוציגע פיס אריבער־טרעטען די שוועל פון מיין הויז, ארויס! ארויס!

רחל

ט א ט ע, טאטע וואס טוסטו. וויינט.

דוד

מיט א שוואכער שטים.

ר' ברוך, וואס בין איך שולדיג? איהר קענט זיין אין כעס אויף מיין פאטער, אבער איך? פרעגט אייער רחל'ען, זי ווייסט וויפיעל נעכט איך בין ניט געשלאפען, וויפיעל טרער־רען אך האב פארגאסען, זיך געבעטען ביי מיין טאטען ער זאל דאס ניט טאן. איך ליעב אייער רחל'ען. הע־הע פארכאפט זיך איך מיין ליעב אייער גאנצע פאמיליע, עס רייסט מיר דאס הארץ אויף אייער משה'לען, ער איז דאך געוועזען מיין בעסטער חבר.

ברוך

פון וואנעט ווייסט דאס אלעם מיין רחל'ע? ווער האט דיך געבעטען אז זאלסט דאס איהר דערציילען? מיין רחל'ע וויל פון דיר ניט וויסען, זי וויל דיך מעהר ניט זעהן, זאלסט מעהר צו איהר ניט ריידען, ניט אזוי רחל'ע? זאג איהם.

רחל שווייגט.

דוד

יא רחל'ע? איהר האט אזוי געזאגט צו אייער פאטער? כאפט זיך ביים הארצען. איהר האסט מיך אויך צוליעב מיין פאטער'ס זינד?

ברוך

וואס שווייגסטו? ווארום רעדסטו ניט? זאג איהם, צו דו ווילסט מיך מאכען פאר א ליגנער, רעד!

רחל

טאטע! טאטע! ניין! ניין! דו ביזט ניט קיין ליגנער, איך, איך מוז פאלגען מיין טאטען, איך טאר אייך ניט ליעב הא־

בען, איך טאר ניט. פאלט אויף חייקעלע און וויינט.

עס הערען זיך שטימען: געלטמאן און שטיינבערג.

געלטמאן

קומט אריין, וואס האב איך אייך געזאגט, אייער תכשיט איז דא, עס ציהט איהם צו די קבצנים.

ברוך

אה דער מחותן איז דא. סארקאסטיש. קומט אריין.

שטיינבערג

ערישיינט.

אהיים געה! שוין געה אהיים! וואס האסטו דא צו טאן?

ברוך

וואס ווילט איהר פון איהם? דער טאטע האט צוגענומען די פרנסה, דער זוהן וויל אויך עפעס נעמען. דער טאטע מעג און דער זוהן טאר ניט? עס איז נאך עפעס פארבליבען ביי מיר, נעמט! נעמט! מיינע קינדער, מיין ברויט, מיין נשמה, וואס נאך ווילט איהר?

שטיינבערג

ווער וויל פון אייך עפעס? איך וויל נאר ניט, אז אייער מויד זאל איהם פארדרעהען דעם קאפ.

דוד

טאטע! טאטע! רעד ניט אזוי, ניט זי, איך, איך ליעב זי. עס איז ניט איהר שולד.

ברוך

וואס מיין טאכטער, מיין טאכטער! איהר וואגט צו רעדען וועגען איהר, איך וועל אייך צושפ... שווייגט זאג איך אייך.

געלטמאן

קומט פון דאנעט, מיט וועמען שטעלט איהר זיך אויס־טענה'ען, מיט שלעפערס, קומט.

ברוך

שלעפערס! ווער האט אונז געמאכט פאר שלעפערס, איהר מיט אייער פאלשקייט, איהר מיט אייער רויבען, נאט נעמט נאך די טארבע מיינע אויך, צו וואס דאס מיר לאזען? נעמט! נעמט! און געהט פון דאנעט.

דער פארהאנג צורוקט זיך, רבקה קומט אריין.

דבקה

אה, א שרעקליכער חלום. וואס איז דא, דערזעהט די צייטונג, מלחמה! פאלט ארויף אויף א שטוהל. דא ביזטו אומער נעזע־סען מיין טייער משה'לע, ווער וועט פארנעמען דיין פלאץ, וואס טויג מיר מיין לעבען, דו אין דער מלחמה. ווערט היסטע־ריש. אין גריבער, עס וועט קנאקען און פלאקערען, די ערד וועט ציטערען, עס הערען זיך זיפצען און קרעכצען, פלוצלונג א שטארקער געשריי, א! ער! פארמאכט די אויגען און צי־טערט. ליגט אין א טייך בלוט, די אויגען אויסגעזעצט, די ציין אויסגעקלאפט, דעם קאפ צושפאלטען און זיינע לעצטע ווער־טער, שרייבט מיינע עלטערען, ה' נתן ה"ד לקח. דערזעהט די שטיינבערגס. ער! ער! דא. אה, עס שטיקט. מיט א שוואכער שטים. נאט ראבע זאלסטו נעמען פאר מיין זוהנ'ס בלוט, זאל ער אויך אזוי געפרופט ווערען, ווי איך. שטארבט. אלע פאלען און וויינען.

ברוך

ברוך דיין אמת. ניט זוכה געווען, אז דער איינציגער זוהן זאל זאגען דעם ערשטען קדיש, זאג דו חייקעלע.

דוד

זעה, זעה, דו, דו, דו האסט זי גע'הרג'עט. פאלט אויף דעם פא־טער און וויינט מוטלאז.

חייקע

יתגדל ויתקדש שמיה רבה..... פאלט אויף דער מוטער.

פ א ר ה א נ ג.

פערטער אַקט

פרום פיער א זייגער ביינטאָג, אין שטיינבערג׳ס שוהל, א בימה, אן ארון קודש, שטענדערס און בענק, יאנקעל קערט אוים און ווישט אָרום דעם שטויב.

אליהו

מיט׳ן פעקעל.

גאָט־העלף אייך ר׳ יאנקעל.

יאנקעל

שלום עליכם, ר׳ אליהו, איך זאָג אייך גאָט אליין האָט אייך צוגעשיקט, מען דארף היינט האָבען א פּאָר תהלים׳לעך.

אליהו

אזוי, אזוי, גאָטעניו! געבענשט זאָלען זיין דיינע אידע־לעך, זיי דיענען דיר טריי, מען זאָגט תהלים, מען לערענט דיין תורה, וואָס נאָך ווילסטו פון זיי.

יאנקעל

איהר קענט דאָך דוד׳על, שטיינבערג׳ס זוהן.

אליהו

נו? נו? געוויס קען איך איהם.

יאנקעל

איי די יונגע חברה, עס האָט זיך איהם פארגלוסט רחל׳ען, אז ניט ווערט ער קראנק, און טוט איהם עפּעס, קיינע לי־קאָרסטוועס העלפען ניט, און מען מוז זיך נעמען צום לעצ־טען מיטעל, זאָגען תהלים און צוזעצען א נייען נאָמען. גדליהו שטיינבערג דער׳הרג׳עט זיך, אזא איבערגעגעבענער פאָטער האָב איך נאָך ניט געזעהן, ער אליין לויפט צונויפ־רופען א מנין, זאָגען תהלים פאר זיין דוד׳על.

אליהו

טאקע ווי אין תהלים: „שגען לדוד", דוד'ם א משוגעת.

יאנקעל

נא דיר גאר א קריינק „רחל". איך האב געהערט קריינק, למשל טשכאטקע, קדחת, באלערע, מען ליגט אויף טיפוס, פאקען, מאזלען, אבער ליגען, איך מיין קריינקען אויף רחל'ען הער איך דאס ערשטע מאל. איהר זייט דאך עפעס עלטער פון מיר, איהר האט שוין אמאל געליטען, געהערט פון אזא קריינק רחל?

אליהו

ניין, קיינמאל ניט, ניט אין מיינע צייטען.

יאנקעל

נא דיר אזא אנשיקעניש „רחל", עס זאל כאטש ניט זיין זאראזיטעלנע, אנשטעקענד, עס געהט מיר מעהר ניט אפ, אז איך זאל זיך אוועקלעגען, אויף אזא קריינק, א שעהן פנים וואלט איך געהאט, וואס דענקט איהר ר' אליהו?

אליהו

נו און זי, די בתולה אליין וואס טוט?

יאנקעל

רחל אליין ליידט נעבעך אויך פון דערזעלבער קריינק, זי לויפט צו מיר פרעגען איך זאל איהר זאגען וואס ער טוט, איך קען דעם צער ניט צוזעהן, נעבעךביידע וואילע קינדער, און דאך צייגט אויף דעם הימעל וויל דער אלטער ניט.

עס הערען זיך טריט. שטיינבערג קומט פארוויינט און עטליכע אידען מיט איהם.

שטיינבערג

פאלט אריין אין ארון קודש.

גאטעניו, שטראף מיך פאר מיינע זינד, ניט מיין זוהן, איך האב געזינדעגט און מיך זאלסטו שטראפען גאטעניו, לאז איהם לעבען, איך בין מנדר אויף צדקה חי מאל חי, שיק איהם א רפואה שלימה, צייג דיין חסד, און פארגיב מיר מיינע זינד.

אליהו

ה׳ גדליהו, אייערע זינד זיינען גרויס, איהר האָט געזינדיגט געגען אַ מענשען און עבירה בן אָדם לאָדם, איז גאָט ניט מוחל ביז איהר בעט ניט איבער דעם יעניגען געגען וועמען איהר האָט געזינדיגט.

שטיינבערג

דאַן וואָס זאָל איך טאָן?

אליהו

ר׳ יאַנקעל, זייט אזוי גוט און געהט רופען ר׳ ברוך׳ען, זאָגט איהם, אז איך האָב איהם געבעטען אז ער זאָל אהער קומען.

יאַנקעל

טאַק־טאַטשנע, רבי. ציהט אָפּ.

אליהו

טוט אָן דעם טלית, שטעלט זיך ביים עמוד זאָגען.

מן המצר קראתי יה ענני במרחב יה.

ר׳ ברוך קומט אַריין.

שטיינבערג

וויינענדיג.

ר׳ ברוך, איך האָב שטארק געזינדיגט געגען אייך, איך בעט אייך, זייט מיר מוחל, איך האָב ניט געדענקט, אז דאָס וועט ברענגען אזוי פיעל אומגליק אויף אייך, נאט אייך צוריק דאָס גאַנצע געלט וואָס איהר האָט אָנגעוואוירען דורך דער צייט, וואָס איך האָב אויסגעדונגען די ארענדע. נעמט אַרויס אַ פּאַק געלט, דערלאַנגט עס איהם, שטרעקט אויס די רעכטע האַנט. זייט מיר מוחל, זייט מיר מוחל, איך וועל זיך לאָזען קאָסטען נאָך מעהר און ארויסנעמען אייער משה׳לען פון דיענסט.

ברוך

כאַ, כאַ. ווערט היסטעריש, אַ טוט מיט׳ן פוס. איצט גיבסטו מיר דאָס געלט, איצט ווען דו האָסט מיך אין גאַנצען אומ־גליקליך געמאַכט, ווען מיין פרוי איז געשטאָרבען דורך דיר, און איצט ווילסטו ארויסנעמען מיין משה׳לען? שוין צו שפּעט, מען האָט מיר איהם אָפּגעשיקט, אָט פיהרען איהם אהער מיינע קינדער צו זאָגען דעם ערשטען קדיש נאָך זיין

מוטער. עס קומען אריין רחל און חייקע, געקליידעט אין שווארצען, פיהרען משה אויף צוויי קוליעס, בלינדע אויגען, זיי זעצען איהם אוועק.

ברוך

געהט צו צו איהם און פרעסט איהם דעם קאפ.

אָרים קינד מיינס. מיט א פארשטיקטע שטים. גליקליך איז דיין מוטער, וואס זי האט ניט דערלעבט צו זעהן איהר איינציג קינד אין אזא שטאנד.

רחל און חייקע וויינען.

משה

שטעלט מיך אויף, איך וויל זאגען קדיש. זיי הויבען איהם אויף. ער זאגט קדיש.

ברוך

אָה! איהר זובחי אדם עגלים ישקון, איהר קוילעט מענשען און קושט דעם גאלדענע קאלב, נא קוק וואס דו האסט געמאכט פון מיין איינציגען זוהן מיט דעם געלט וואס דו האסט גערויבט פון מיר, האסטו אויסגעלייזט דיין זוהן און געשיקט מיינעם צו דער שחיטה. צוליעב דעם שמוציגען געלט האסטו מיין פרוי ערמארדעט, דו מענשען מערדער, זעה וואס דו האסט געמאכט פון איהם. צייגט אויף משה'ען. מיין אויג אין קאפ.

רחל

טאטע, צו וואס זאלסטו ארויסווארפען דיינע רייד, דו זוכסט צו ערוועקען ביי אזא מענשען מיטלייד צו דיין קינד, ווען ער האט אויף זיין אייגענעם קינד קיין רחמנות ניט.

ברוך

וויפיעל געבעט בין איך ניט געשלאפען, ניט גערוהט, ווען ער האט זיך נאר א קרום געטאן. קוק וואס עס איז געווארען פון די צוויי שעהנע אויגען וואס האבען מיר אזוי פיעל פרייד פארשאפט, האסט גענומען א יונגען בוים, צובראכען און ארויסגעריסען מיט'ןווארצעל. טוט א כאפ דאס געלט און שלייַדערט דאס איהם אין פנים. זאל א מוטער'ס קללה מקוים ווערען און עס זאל אנלערנען א צווייטען זיי זאלען ניט

משיג גבול זיין ניט צוגעמען ביי יענעם דעם ביסען פון מויל.
אַרימע יתומימ׳לעך מיינע. פאלט אַרויף אויף זיי און וויינט.
יאַנקעל קומט און ברעכט די הענט.

שטיינבערג

וואָס איז געשעהן? וואָס? זאָגט!

יאַנקעל

נעבעך געשטאָרבען.

רחל

פוט אַ קוויטש, בויגט זיך אָן אויף משה׳לע.

משה׳לע, דיין חבר, ער איז נעבעך אומשולדיג געשטאָרבען, צוליעב זיין פאָטער׳ס זינד.

שטיינבערג

געשטאָרבען, אוי עס איז מיר שלעכט, עס העלפט ניט קיין חרטה, גאָט צאָהלט מדה כנגד מדה. דוד׳על! דו ביזט געשטאָרבען, האָסט געהאלטען וואָרט. איך! איך! בין אַ מערדער, אַ קינדער מערדער. קלאַפט זיך אין האַרצען.

אליהו

גדליהו, איהר דאַרפט רייסען קריעה. צורייסט זיינע קליידער.

שטיינבערג

היסטעריש.

רייסט מיין הארץ! מיין פלייש! איך בין אַ מערדער! אַ מערדער!

אליהו

על פי דין טאָר מען ניט רייסען דאָס לייב.

שטיינבערג

אַ! אַ! וואָס זאָגט איהר? דאָס טאָר מען ניט? אַלעס טאָר מען ניט אָבער משיג גבול זיין מעג מען יאָ? וואָרום, וואָרום מאַכט מען געוואַלדען איבער קלייניגקייטען, איבער טראָגען אום שבת, איבער כשר און טריפה האָט איהר אָנגעשריבען גאַנצע פעק מיט ספרים, און ניט אַ וואָרט איבער אַזאַ גרויסען פאַרברעכען, ווי צונעמען ביי יענעם דאָס ברויט. איהר שווייגט! כאַפט איהם ביים לאַץ. רעדט! רעדט! גיט מיר אַן עצה, וואָס זאָל איך טאָן.

אליהו

איבערבעטעטן און ארויסקריגען אַ מחילה.

שטיינבערג

גערט צו צו משה'לע, גלעט איהם דאָס פּנים.

קינדעלע מיינס, איך, איך בין שולדיג, זיי מיר מוחל, האָב רחמנות אויף אַן אומגליקליכען קינדער מערדער, שטיל מיין צעווייטאָגט האַרץ, נאָר איין וואָרט זאָג, „מוחל“, דאָס איינציגע וואָרט.

חייקע

יאָ משה'לע, צייג איהם אז מיר זיינען בעסער, אונזערע הערצער זיינען ניט אזוי שלעכט ווי אנדערע.

רחל

זאָג מיין טייערער ברודער, זאָג, איך בעט דיך, טו דאָס צוליעב מיר, צוליעב איהם, צוליעב דיין אומגליקליכען חבר.

וויינט.

יאַנקעל

טאק טאַטשנע, משה'לע.

משה

מיין טייערער פאָטער, אָרימער טאַטע, זיי דו איהם מוחל, איך בין איהם מוחל.

שטיינבערג

אָה ביזט מיר מוחל, אָה ווי גידעריג איך בין געגען דיר.

פאַלט אויף דער ערד און קושט זיינע קוליעס. טרעט אויף מיר, טרעט מיט דיינע קוליעס, איך האָב דאָס כשר פארדיענט.

אליהו

הויבט זיך אויף פון דער ערד, איהר זייט געגוג אָפּגעקומען פאר אייערע זינד, געהט אחיים מקבר זיין אייער זוהן, וועלכער איז געפאלען אַ קרבן דורך אייערע זינד.

שטיינבערג

הויבט זיך אויף, ווארפט זיך אויף אַ שטוהל.

דוד'ל, דוד'ל, איך, איך בין שולדיג. עס איז מיר ניט גוט, עס שטיקט, דוד'ל! דוד'ל! מיין קינד ביזט געשטאָרבען.

עס ווערט פינסטער. עס שטעלט פאָר שטיינבערג'ס צימער, ווי אין צוויי-

טעז אקט. שטיינבערג מיט די אויגענגלעזער און שרייט: דוד'על!
דוד'על! עס לויפט אריין דוד'על.

דוד

טאטע, וואס איז געשעהן? וואס איז מיט דיר?

שטיינבערג

אה, דו לעבסט. אה עס איז די צוקונפט גלעזער האבען מיר געצייגט די רעזולטאטען, ניין! איך דינג ניט אוים די ארענדע. געה רוף צוריק ר' ברוך, זאג ער זאל באלד קומען.

דוד

ניין פאא? איך דאנק דיר טאטעניו. קושט איהם. אפ.

געלטמאן

ערשיינט.

הערר שטיינבערג שרייבט אונטער דעם בריף, ווייל איך פאהר גלייך אפ.

שטיינבערג

אונטערשרייבען? צייגט נאר אהער. נעמט דעם בריף און צורייסט איהם אויף פיצלעך. געהט, געהט, איהר מיט אייערע זיסע רייד האט מיך געוואלט איבעררעדען צו רואינירען א פאמיליע, ווי א יצר הרע זייט איהר צו מיר צוגעשטאנען. אדיע הערר געלטמאן, אבער ניט צום ווידערזעהן. עפענט די טיר. אדיע.

געלטמאן

אדיע, איך האב פארשפיעלט. פארשווינדט.

עס קומען צוריק ברוך, רבקה, יאנקעל, אליהו.

ברוך

וואס דארפט איהר מיך?

שטיינבערג

מקבל קנין זיין. און איהר ר' יאנקעל ברענגט טעלער. אפ.

רבקה

וואס מיינט איהר?

שטיינבערג

אונזערע קינדער ליעבען זיך און מיר ועלען שליסען א גליק־ליכען בונד צווישען זיי און עס זאל זיין מיט מזל.

אליהו

כאפט ארויס די פאטשיילע.

זייט מקבל קנין. זיי טוען אזוי.

יאנקעל

קומט מיט די טעלער. צוברעכט.

מזל טוב! מזל טוב!

ברוך און שטיינבערג

קושען זיך.

עס זאל זיין מיט מזל! טרינקען לחיים און גיהען א טענצעל.

עס ווערט א רויך און א פלאם.

אליהו

הויבט זיך אויף אין דער הויך, צושפרייט די הענט און שרייט.

„זעהסטו מיין הערר, דער איד איז ניט אזוי פארדארבען, אויך ניט אזוי געלטזיכטיג ווי דער קטיגור שילדערט אים. ער זעהט ניט אזוי ווייט ווי מיר מלאכים, אבער ווען זיי ערפאהרען די רעזולטאטען האבען זיי חרטה און טוען תשובה. פארשרייב זיי אין ספר החיים, ברכה ושלום, אין ספר פון לעבען גליק און פרידען.

פארהאנג פאלט לאנגזאם.

ווען א פרוי שטאָלצירט

דראמא אין פיער אקטען

פערזאנען:

שמואל ברעגער, א גלעזער, 45 יאָהר אלט.
ברכה — ביטרעס, זיין פרוי, 35.
ליזעטשקע, זייער טאָכטער, 17.
ר׳ יחיאל אשכנזי, ברכה׳ס פאָטער, 60 יאָהר.
יוסף אלי, 45, א מאַן מיט א קורצען זכרון.
גענענדיל, זיין פרוי, 40.
יאשע, זייער זוהן, 18.
דייוו, א ביזנעסמאַן, 30.
דאָרא, א באָרדערקע, 24.
קאָסטימער, געסט.

ערשטער אַקט

פֿאַרטאָג. עס שטעלט פֿאָר אַ גרויס צימער פֿון דער צווייטער זייט רוסישע גרעניץ. אָרימע מעבעל, פּרויען און מענער שלאָפֿען מיט זעק שטרוי צו־קאָפּענס, איניגע ציהען זיך אויף די געלעגערס.

יוסף אלי

מיט אַ קליין ציגען־בערדעל, אָנגעטאָן אין חסידישע קליידער. פֿאַרקאַ־טשעט, מיט טלית און תפֿילין, דרעהט זיך אַרום, שעפּטשעט שטיל.

שמע ישראל, ה"ד א ח ד. פֿארמאַכט די אויגען.

גענענדיל

קומט אַריין אָפּגעוואשען, עס קאַפּעט די וואסער.

יוסף אלי! וואו איז ערגעץ דער האנטוך? וואו האָסטו איהם אוועקגעלעגט?

יוסף אלי

נו מפסיק. צייגט מיט די פֿינגער אויף די ליפּען.

גענענדיל

שלימזאלניק, מיינער, עס איז דיר אין דער היים, וואָס קיין זאך האָסטו ניט אוועקגעלעגט אויף אַן אָרט. וואו איז דער האנטוך? עס קאַפּעט מיר אין האלז, איי! איי!

יוסף אלי

נו מפסיק. צייגט מיט די פֿינגער, אַז ער ווייסט בושט, שלעפּט אַרויס אַ רויטע פֿאַטשיילע און גיט דאָס איהר.

גענענדיל

טוט אַ ריס מיט כעס.

עס איז דיין טריפֿה'נער מזל, וואָס עס זיינען דאָ פֿרעמדע מענשען, ווייטער וואָלט איך דיר געגעבען אַ פֿארגעסען, אז פֿארגעסען זאָלסטו צו דו לעבסט אויף דער וועלט. ווישט זיך.

יאַשאַ

מיט אַ בלוי העמדעל.

דער פּאַפּאַ דאַוונט נאָך? ער מעג דאָס מאַכען אַביסעל שנע־לער, ווייל מען וועט באַלד דאַרפען פאָהרען צו דער שיף, פּאַפּאַ! דאָ איז שוין אַ פּרייע לאַנד, עס איז שוין פון דער זייט רוסישען גרעניץ, און מאַכט מען דאָס בקיצור. יוסף אלי שטעלט זיך שמונה עשרה.

גענענדיל

אָה! ער אַז ער שטעלט זיך אַוועק, וועלען מיר שוין געוויס פּאַרשפּעטיגען, מען דאַרף איהם דערמאַנען וואו ער איז. געהט צו איהם. יוסף אלי! שטעהסט שמונה עשרה, פאַרגעס ניט אין זיך ווי אָן האַנטוך, אַז שטעהן זאָלסטו שוין אין נעהאַקטע...

יאַשאַ

פּאָזשאַלעסטאַ מאַמע, ניט שעלט מעהר, מיר פּאָהרען איצט אין אַ נייע לאַנד. מיר האָבען איבערגעלאָזט אונזער היים, אונזער דלית, אונזערע צרות אין רוסלאַנד, לאָז זיי איבער דיינע קללות, און מיר וועלען אָנפאַנגען אַ ניי לעבען.

דייטש

אַ גראָבער מאַן מיט אַ פעטען קאָרק.

וואָס ווינטשען זי הויטע פיר פריהשטיק?

גענענדיל

וואָס דבר'ט דער ערל?

יאַשאַ

ער פרעגט, וואָס דו ווינשסט?

גענענדיל

ווּעמען איהם? צו דיין טאַטען דעם שלים־מזל?

יאַשאַ

ער מיינט ניט קיין קללות, ער מיינט וואָס פאַרלאַנגסטו? איך וועל באַשטעלען טיי פאַר אונז און פאַר די ברענערס. זיי שלאָפען נאָך! צום דייטש. גיבען זיי אַ סאַמאָוואַר מיט טשיי.

דייטש

ווּאס ?

יאשא

אי עס איז צרות ,ער פארשטעהט דאך קיין דייטש ניט, טיי !

דייטש

יא יא, עס קאמט גלייך. אס.

יאשא

איך האב דיך געפרעגט צו די ברעגערס שלאפען נאך ?

גענענדיל

שלאפען ? וואס רעדסטו ? זיי זיינען א גאנצע נאכט ניט געשלאפען, א קלייניגקייט אזא אומגליק, איך וויים גאר ניט וואס זיי ווּעלען איצט טאן ?

יאשא

ליזעטשקע וויינט שטארק ? עס רייסט מיר דאס הארץ אויף איהר. איך האב מורא, אז זי ווּעט דאס ניט איבערטראגען.

גענענדיל

עס איז א ביטערער רחמנות אויף אלעמען חוץ איהר מוטער.

יאשא

וואס הייסט ? איהר מוטער ליידט קארג פון דעם ?

גענענדיל

אויף איהר ? פוי. א דרעה מיט דער גאז. גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר די רייד. איך קען זי ניט אנקוקען.

יאשא

רעד ניט אזוי, איך וויים ניט וואס דו ווילסט פון איהר ?

גענענדיל

זעהסט דאך, אז אזעלכעס האט מזל, נעמט א מאן א בריליאנט און לעגט איהם טיף אין דער ערד אריין האט אין זינען מאדעס, און נאך אנדערע שעהנע זאכען. איך גלייך ניט איבערצורעדען, אבער וואס אמת איז אמת, אז טאמער דערזעהט זי א פרעמדען יונגענמאן, אזוי ווערט זי מיט איהם איין קנעפעל, און מיר באשערט גאט אזעלכעס. צייגט אויף איהר מאן. געה דערמאן איהם, אז ער שטעהט שמונה עשרה. ער האט שוין פארגעסען.

יאַשא

מוטער, באשולדיגסט זי אומזיסט, זי איז א היינטוועלטיגע פרוי, ער איז אביסעל צו פרום און קליינשטעטעלדיג פאר איהר, אָבער זי איז אזוי אַנשטענדיג, ווי אלע אנדערע, ניט מעהר איהר דענקט, אז אום צו זיין אַנשטענדיג מוז מען זיין א יאכנע, געהן אַפּגעלאָזען, אָבער עס איז גראָד פארקערט.

גענענדיל

וואָס מיינסטו? פארקערט?
איך מיין עס איז קיין קונץ צו זיין אַנשטענדיג דאן ווען קיי־נער וויל זיך סיי ווי ניט אומקוקען. אודאי קאָן זיך מירעל די געשטופּעלטע מויד מיט די גרויסע פרישטשעס בארימען, אז איהר האָט נאָך קיין בחור נישט געקושט, געוויס, וואָס פאר א משוגענער וואָלט זי דען געקושט? אָבער זיין שעהן, ציכטיג און דאָך זיין אַנשטענדיג, אָט דאָס דארף מען קענען.

גענענדיל

געה, איך ווייס, אז אזעלכעס איז ביי אייך א גאנצע מציאה, אָבער אז מען האָט חתונה מיט אזעלכעס, אי ליגט מען אין דער ערד.

יאַשא

מאמע, איך בעט דיך, באהערשט דיך אביסעל היינט. איך שטעל זיך פאָר, וואָס עס וועט זיך אָפּטאָן, בעט איך דיך, העלף זיי ניט ארויס, פארקערט, זעה צעשטריי זיי אביסעל, טרייסט זיי, זאָגסט מיר צו?

געגענדיל

צוזאָגען איז לייכט, אָבער ווי אזוי קאָן מען דאָס צוזעהן דאָס רחמנות פון דעם קינד, געה זיי שטארקער פון אייזען און ניט וויין. ווישט די אויגען.

יאַשא

יאָ, איך זעה, אז איך קאָן זיך אויף דיר פארלאָזען.

יוסף אלי שפּיוט אוים און דאוועגט ווייטער.

געגענדיל

געה זיי שטארקער פון אייזען און ניט שעלט. זעהסט דאָך, שוין אויסגעשפּיגען און דאווענט ווייטער.

יאשא

דאָך מוטער קיין קללות קומט ניט דערפאַר. פּאַפּאַשע! וואַ־רום נעמט ביי דיר אזוי לאַנג דאָס דאַוונען, עס איז דאָך היינט ניט מאָנטאָג, קיין והו רחום דאַרף מען ניט זאָגען.

יוסף אלי

נו וואָס זאָל איך טאָן, אז איך האָב א קורצען זכרון. עס צייגט מיר אויס, אז איך האָב נאָך ניט געדאַוונט, איז איידער פאַרפעהלען זאָג איך בעסער צוויי מאָל, און זיין זיכער. שפּיט נאָך אמאָל.

יאשא

האָסט דאָך שוין געשפּיגען!

יוסף אלי

וואָס זשע, עס קאָסט מיך עפּעס, זאָל זיין נאָך א שפּיי.

יאשא

איצט פאַרשטעה איך ווארום עס איז דאָ צוויי יום קום פּורקנ׳ס.

גענענדיל

ווארום?

יאשא

פאַרשטעהסט ניט, עס איז פאַר אַזעלכע אידען, ווי דער טאַטע, זאָלען קענען זאָגען צוויי מאָל. דער דייטש דערלאַנגט טיי. זיי זעצען זיך צום טיש. גענענדעל נעמט אַרויס קיכלעך, גיסט אָן טיי און שטעלט צוויי גלעזער לעבען יוסף אלי׳ן.

יאשא

פאַרוואָס גיבסטו דעם טאַטען צוויי גלעזער?

געגענדיל

איך וויים, פיליכט פאַרגעסט ער. אַלע לאַכען.

יוסף אלי

זעהסטו געגענדעל, אלעם קאָן איך פאַרגעסען, נאָר אז איך האָב מיט דיר חתונה געהאַט פאַרגעס איך ניט, דאָס דער־מאַנסטו מיך צו אָפט.

געגענדיל

וואָס זשע האָסט חרטה אויף דעם שידוך? שעלט דעם שדכן.

יוסף אלי

הלילה, איך דאנק דיר גאַטעניו, ווייל איך בין זיכער מיט דעם גן עדן.

גענענדיל

וואָס ביזטו עפּעס אַזוי זיכער?

יוסף אלי

נאַרעלע, דעם גיהנם, צייגט אויף איהר, האָב איך דאָך דאָ אויף דער וועלט.

יאַשא

זעהסטו פּאַ, איצט בין איך שוין אויך ברוגז. מילא אויף דיין פרוי קאָנסטו זיך ריידען וויפיעל דו ווילסט, אָבער אויף מיין מאמען, דאָס לא. צייגט מיט'ן פינגער, נעמט אַרום גענענדעל. מאַמאַשע! ביי מיר ביזטו די בעסטע מאמע אין דער וועלט, שעלטסט מאקע אביסעל, אָבער גלויב מיר, אז א מאמע'ס קללה איז נאָך פיעל בעסער ווי א פרעמדענס ברכה. קושט זי.

גענענדיל פארשעמט.

גאַה, דו נארישער בחור'על.

יוסף אלי

ער! ער! צעבאַלעוועט זי, און נאכהער וויל זי, אז איך זאָל דאָס אויך טאָן.

עס קומ טאַריין יהיאל און ברכה. זי אָנגעשפּאַרט אָן איהם. פאַרוויינט.

יחיאל

נענוג, טאָכטער מיינע, שטארק זיך מיין קינד. און איהר, אַדרעסירט די איבעריגע, איהר האלט שוין נאָך דעם עסען, א גוט מאָרגען אייך.

גענענדיל

גוט מאָרגען, גוט יאָהר, ניין מיר האָבען נאָר געטרונקען א גלעזעל טיי. קומט זעצט זיך.

ברכה

ווישט זיך די אויגען.

דער פאפא האָט אייך געהערט בענשען, האָט ער געדענקט, אז עס איז שוין נאָך דעם עסען, ניט אַזוי, פּאַ?

יוסף אלי

איהר ווייסט דאָך ר' יחיאל, מיין געגענדעל זאָל לעבען, איז דאָך עפּעס אַן אשת חיל, נו, שטעהט זי אויף גאַנץ פריה און פאַנגט אָן גלייך די אַרבייט.

געגענדיל

איך וויים כאַטש ווען אָנצופאנגען, דו אָבער פאַרגעסט דאָך גוען אויסצולאָזען.

יאַשא

איך בעט אייך, זאָל זיין געגוג. זעצט זיך. רוקט זיך אָפּ. מאַכט פּלאַץ. גיסט אָן טיי. טרינקט א גלעזעל טיי.

ברכה

איך דאנק דיר יאַשע, דו ביזט ווירקליך א גוטינקער. טוט איהם אַ גלעט. וואָס דאַרפסטו זיך באַמיהען. איך וויל ניט קיין טיי, עס טרינקט זיך ניט.

יאַשא

וואו איז ערגעץ ר' שמואל און ליזעטשקע ?

ברכה

מיין ליזעטשקע, אַזא אומגליק. וויינט. ווער האָט זיך גע־ריכט, ווענען איז דאָס אויף די געדאַנקען געקומען, מיין אָרים קינד.

יחיאל

געגוג ברכה, איך בעט דיך זאָל זיין געגוג. זי איז דאָרט מיט איהר פּאָטער, זיי ביידע קענען זיך ניט צושיידען, זי איז דאָך ביי איהם זיין גאַנץ חיות, זיי דאַרפען דאָרט צונעמען די קלומעקעס, אַרויסנעמען איהרע זאַכען.

געגענדיל

אַזוי ? גייה יאשעטשקע, וועסט זיי העלפען, איך גייה אויך מיט דיר. ווישט זיך די אויגען. אָפּ.

ברכה

וואָס זאָגט איהר אויף אונזער אומגליק ר' יוסף אלי, הא ?

יוסף אלי

געגען גאָט קאָן מען קיין חכם ניט זיין, אַז ער וויל ניט, וויל

ער ניט, מן הסתם האָט ער אזוי אָנגעשריבען אום ראש השנה, און ער, אז ער שרייבט אָן, איז...

יחיאל

איהר האָט רעכט. גאָט ב"ה פארלאָזט זיך ניט אויף זיין זכרון, ער פארשרייבט און פארגעסט ניט.

יוסף אלי

איך ווייס, פיליכט איז דאָס א נארישקייט, אָבער זאָגען מעג מען דאָך, אפשר וואָלט געוועזען א פלאַן, אז איהר זאָלט בלייבען צוריק דאָ און פאָהרען שפּעטער אביסעל קיין אמע־ריקא, דאן ווען איהרע אויגען וועלען זיך פארבעסערען.

ברכה

ב'לעבען, א וואונדער אויף אייך, מיין שמואל'ס חכמה. ער זאָגט אויף אזוי, אָבער באדיינקט אייך נאָר, וואָס הייסט?! ווי קען דאָס זיין? זיך צובראָכען, געמאכט א תל פון אלעס, פארקויפט יעדע זאך. איך ווייס עס איז מיר שווער, עס איז ביטער זיך שיידען פון מיין איינציג קינד אפילו פאר א שטיקעל צייט, אָבער איך לאָז זי איבער ביי מיין טאטען, ער וועט זי אָפּהיטען דאָ ביז מיר וועלען זיך דאָרט פריסטרויען. מיר וועלען איהר שיקען געלט, זי וועט זיך אויסהיילען די אויגען, און זי וועט קומען צו אונז. איך קען שוין מעהר נישט אָנקוקען דאָס קליין־חזיר'שע שטעטעל מיט די אלע קליינליכקייטען, מיט די פרנסות, מיט די צינגער, איך קאָן ניט, איך וויל אוועק אין דער וועלט אריין, איך וועל ארביי־טען, איך וועל טאָן אלעס, נאָר ניט צוריק. ניין! ניין!

יחיאל

יאָ, האָסט פיליכט רעכט, אָבער דאָס קינד נעבעך, דאָס רחמנות פון איהר.

ברכה

טאטע, איך קאָן מעהר ניט, איך קאָן מעהר ניט. זיינע גיל־דענע געשעפטען, דאָס מוטשען זיך פאר דעם שטיקעל ברויט, אין אלגעמיין דעם אידען'ס לאגע אין רוסלאנד, דאָס טייטען מיט די פינגער אשכנזי'ס טאָכטער האָט חתונה געהאט מיט א גלעזער, מיין ליזעטשקען האָט מען געקרוינט מיט א שעה־

נעם נאָמען, דעם גלעזער'ס טאָכטער, דאָרט אין אמעריקא
איז א פרייע לאַנד, קיין בעל מלאכה איז קיין שאנדע ניט,
אלע זיינען דאָרט גלייך.

גענענדיל

עפענט די טיר. שרייט.

יוסף אלי, ברענג אהער א מעסער, מען דאַרף איבערשניידען
א שטריקעל.

יוסף אלי

זוכט אין אלע קעשענעס.

נו, וואו קען דאָס זיין, איך האָב דאָס דאכט זיך בעפאָר גע־
האלטען דאָ אָ. לאָזט זיך געהן, זוכט נאָך אמאל אין די קעשע־
נעס. שאט, וואָס האט זי געזאָגט זאָל איך ברענגען?

יחיאל

א מעסערעל, נעמט אָט דאָס מעסער.

יוסף אלי

טאקע, טאקע, איך האָב זיך דערמאנט. געהט און חזר'ט. א
מעסער, א מעסער. מען זאָגט, אז מען חזר'ט 101 מאָל, פאר־
געסט מען ניט, א מעסער, א מעסער. אָפּ.

יחיאל

הויבט זיך אויף, לייגט ארויף זיין האנט אויף איהר שולטער.

ברכה מיין קינד. מיט אַ ציטערדיגע שטימע. איך בין אלט.
מיינע טעג זיינען פיליכט געצעהלטע, בעט איך דיך, היט
זיך. זאָלסט מעהר ניט באגעהן קיין נארישקייטען. אמת,
ער איז א פראָסטער מענש, ניט קיין געבילדעטער, איך וויים,
אז דו שטעהסט פיעל העכער פון איהם, ער איז אָבער אן
אָרענטליכער איבערגעגעבענער מענש.

ברכה

טאטע, וואָס האָסטו זיך עפּעס איצט דערמאנט מיר דערצעה־
לען זיינע מעלות, איך וויים זיי פון דעם טאָג, וואָס איך האָב
חתונה געהאט, ניין! איך מיין פון דעם טאָג, וואָס „דו"
האָסט'מיר חתונה געמאכט, צו וואָס זאָגסטו מיר דאָס? וואָס
טו איך דען?

יחיאל

ברכה, איך ווייס וואָס איך זאָג, איך באשולדיג דיך ניט פאר דיין אמאָליגען פאלשען שריט, וועלכער האָט מיך רואינירט און באפלעקט מיין נאָמען.

ברכה

ווארום ניט?

יחיאל

ווייל דאן איז דאָס געוועזען מיין שולד מעהר ווי דיינע, דו ביזט געוועזען יונג, ניט ערפאהרען, ביזט געוועזען קוים 14 יאָהר אַלט, איך האָב געשטרעבט דיך צו מאכען פאר א גע־בילדעטע דאמע, איך האָב געוואָלט, אז זאָלסט קענען די רו־סישע שפראך פּאָלקאָמען, איך האָב פאר דיר צוגענומען דעם רוסישען גימנאזיסט און ער האָט דיך פאר׳כשופ׳ט מיט זיינע זיסע רייד, און דו זייענדיג נאאיוו, קינדעריש, האָסט איהם אלעם געגלויבט, ער האָט דיך איבערציינגט, אז זייער רעליגיאָן איז בעסער און האָט שיער פארביטען דיין גלויבען, נו שטעל זיך פאָר די צרות, יסורים, וואָס מיר האָ־בען איבערגעלעבט איידער מיר האָבען דיך ארויסגענומען פון מאָנאסטיר, עס האָט מיך רואינירט, גראָה געמאכט פאר דער צייט, דאן איז דען געוועזען אן אנדער אויסוועג, ווי דיך פארהייראטען מיט וועמען עס מאכט זיך. ער האָט זיך דאן אונטערגעכאפט, און דו האָסט געהייראט מיט איהם, אָבער וואָס איז ער שולדיג?

ברכה

אָבער וואָס טו איך דען? פאָדערסט דאָך ניט פון מיר, אז איך זאָל זיין אזוי פאלש אז איך זאָל איהם מאכען צום דענ־קען, אז איך שטאָלציר מיט איהם? ווילסט דאָך ניט פון מיר אז איך זאָל טאנצען פאר שמחה אָדער דאנקען גאָט דריי מאָל א טאָג פאר דער גרויסער טובה, וואָס ער האָט מיר געטאָן!

יחיאל

אזוי רעדט ניט קיין אידישע טאָכטער. אין כעס. ער איז דיין מאן און דער פאָטער פון דיין קינד און אויב ער האָט גע־לעזען מיט א פּאָר ביכלעך ווייניגער ווי דו, מיינט נאָך ניט,

אז דו דארפסט האלטען דעם קאפ פארריסען. א פרוי דארף נים שטאלצירען געגען איבער איהר מאן, אבוואהל זי שטעהט אביסעל העכער פון איהם. ברכה! איך בעט דיך, ברענג מעהר נים קיין שאנד פלעק אויף מיין נאמען.

ברכה

טאטע, וואס ווילסטו פון מיר.

יחיאל

איך וויים, איך וויים, וואס איך רעד, איך האב זעהר מורא פאר דער פרייהייט, וואס דו זוכסט צו געפינען אין אמע־ריקא, מיך שרעקט דאס, איך בעט דיך מיין קינד, וויי, פארשווארץ נים מיין גרויז גראהען קאפ, זאל איך קענען אויסלעבען מיין ביסעלע יאהרען צופרידען, זאל דיין ארימע מוטער עליה השלום, ליגען רוהיג אין איהר קבר, זאל איהר טאכטער פארבלייבען א ערליכע אידישע טאכטער, שווער מיר מיין קינד, ביי מיין בארד און פאות, ביי מיין אידישען גלויבען, זאל איך נישט קומען צו קבר ישראל, אויב דו וועסט נים בלייבען טריי דיין מאן און דיין גלויבען.

ברכה

נעמט איהם ארום.

טאטעניו, געננוג, רעד נים אזוי, בארוהיג דיך, דו קענסט נים פיהלען מיין הארץ, שטעל זיך פאר זיבעצעהן יאהר צייט צו לעבען מיט א מאן, וועלכען מען ליעבט נים, אז מיר זיי־נען דאך צוויי באזונדערע וועלטען, צוויי פארשידענע פער־זאנען. יא, איך האב באצאהלט פאר מיינע קינדערשע זינד, באצאהלט א גרויסען פרייז. וויינט, שפארט אן דעם קאפ אויף זיין שולטער. דאס וואס דו האסט מיך פארהייראט צו איהם, מיינט, אז אין יעדען מאמענט פון מיין לעבען זאל איך זיך דערמאנען אין מיין פארברעכען, זיין פארהייראט צו איהם, האסטו מיר אנגעטאן א שילד מיט דעם אויפ־שריפט: „זעהט מענשען דיזע פערזאן קומט אפ פאר איהר יוגענד זינד". פארשטעהסטו וואס דאס מיינט? בא־גרייפסטו דאס? דאך פאפאשע שווער איך דיר, אז אין מיין

לעבען וועל איך ניט באַגעהן א פאַרברעכען געגען איהם. ניין! ניין!

עס הערען זיך טריט.

יחיאל

שא, באַרוהיג דיך. דאַכט זיך ער קומט. זי ווישט זיך די אויגען. שמואל און ליזע ערשיינען. זי אָנגעשפּארט און פאַרוויינט.

שמואל

מיט א גראָבע שטימע.

נו מיין קינד, גענוג שוין וויינען. דיין מאמע האָט אין גאַנצען פאַרגעסען אין דיר, זעה זי זיצט זיך דאָ גאַנץ רוהיג און באַלאַקעט דער רוח ווייסט וואָס.

ברכה

געהט און נעמט זי אַרום און פּרעסט זי צום האַרצען.

מיין אָרים קינדעלע.

ליזע

מאמע! מאמע מיט וועמען וועל איך דאָ בלייבען? וואָס וועט דאָ ווערען מיט מיר? ווי קען איך זיין אָהן אייך?

וויינט שטאַרק.

שמואל

וואָס וויינסטו? דיין מאמע איז דאָך געוואָרען צו ענג ביי אונז אין שטעדטעל. די מענשען זיינען דאָך גאָר בהמות ביי איהר, זיי קענען דען אָפּשאַצען איהר בילדונג, און טאַקע ווי קען אזא גרויסאַרטיגע דאמע וואוינען אין א שטעדטעל, וואו עס איז אפילו קיין ביבליאָטעק ניטאָ? עפּעס א קלייניגקייט, א ביבליאָטעק. טאַקע ווי אזוי א שטייגער קען א גלעזער'ס א פרוי איבערלעבען א טאָג אָהן א בוך, דו קענסט זיך דאָס פאָרשטעלען, אזוי ווי א גלעזער אָהן זאַמאַסקע.

ברכה

האָסט זיך שוין צורעדט? וויפיעל מאָל האָב איך דיך געבעטען זאָלסט ריידען צו מיר אָהן משלים, דיין זאַמאַסקע, קלעבט זיך ווי אַן אַרבעס צום וואַנד, וואָס ווילסטו פון מיר? ווער האָט זיך געריכט אויף אזא אומגליק?

שמואל

איך ווייס, אז וואָס איך זאָל ניט זאָגען קלעבט זיך ניט, ווייל איך בין דאָך ניט קיין גימנאזיסט.

יחיאל

קינדערלאך, קריגט אייך ניט, איצט איז ניט די צייט, בעסער באקלערט וואָס צו טאָן?

שמואל

איך ווייס איין זאך, און איך האָב גאָר ניט וואָס צו קלערען, מיין קינד איז מיין גאנצער פארמעגען, מעהר פארמאָג איך ניט, צוליב איהר בין איך צופרידען פארשווארצט ווערען און האָרעווען, אין די גרעסטע קעלטען און אויף די הויכסטע גע־ביידעם פלעג איך קריכען אריינשטעלען שויבען אבי איהר זאָל גאָרניט פעהלען, וואָס איז מיין לעבען אָהן איהר? און אז דער דאָקטאָר האָט איהר פארבראקעוועט צוליב איהרע אויגען, דאן זאָג איך, אז מיר דארפען אויך דאָ בלייבען קלאַפּט אין טיש. ווענסטו שפּעטער מיט א יאָהר קריגען פריי־הייט.

ברכה

אָבער איצט וואָס וועסטו טאָן אין דער היים? אז מיר האָ־בען שוין קיין היים ניט. מיר האָבען דאָך אלעס פארקויפט.

שמואל שפּאַנט אַרום.

דו קענסט דאָך משוגע מאכען. אמעריקא! אמעריקא! א גאנצען טאָג האָב איך גאָר געהערט אמעריקא! ווער האָט דאָס איינגאנצען באדארפט? געבוירען געוואָרען, אויפגע־צויגען געוואָרען, איך קאָן יעדען, יעדער קאָן מיך, עס איז מיין היים, מיינע פריינד, צו וואָס, פרעג איך, דארף איך אינגאנצען פאָהרען אין א פרעמדען לאנד, וואו איך האָב קיי־נעם ניט, געה לערען זיך א נייע שפראך מיט נייע ווייס איך וואָס.

ברכה

אָה, סאַרקאַסטיש, אזוי מען קען דיך דאָ? א גליק האָט מיך געטראָפען, א גרויסען כבוד פאר מיר און זעהר א גרויסע עהרע פאר דיין טאָכטער שמואל דעם גלעזער'ס טאָכטער.

שמואל אין כעס.

שטעהט דיר ניט אָן, הא! װאָס! דו! דו!

יוסף אלי

ערשױנט.

זײט אזױ גוט ר׳ שמואל און גיט מיר אַ װ ו אָ ס? זיך גע׳חזר׳ט דעם גאנצען װעג און פארגעסען, אָט געה איך נאָך אמאָל פרעגען. יאשע! יאשע!

יאשא

ערשײנט מיט אַ קלײן פעקעל.

מיר האָבען אלעם איבערגעפאקעװעט, און דאָס איז ליזעטש־קע׳ס זאכען.

ליזע

טאטע! מאמע! איהר פאָהרט טאקע אָהן מיר?

שמואל

נײן! נײן! איך פאָהר ניט, איך פאָהר ניט. כאפט זי אַרום. איך בלײב מיט דיר. צו ברכה׳ן. פאָהר אלײן, פאָהר אלײן, טו װאָס דו װילסט. איך זי דאָ לאָזען, נײן! יאשע גיב מיר דאָס פעקעל, איך געה ארױסנעמען מײנע זאכען אױך. לאָזט מיך.

יחיאל

כאפט איהם אָן.

שמואל, באדײנק זיך.

שמואל

לאָזט מיך, לאָזט מיך. ער לאָזט זיך לױפען, יחיאל און ביטרים נאָך איהם.

ברכה

װאָס טוסטו, מאכסט אונז אלעמען אומגליקליך.

ליזע

מאטע! מאמע! לאָזט זיך געהן. באגעגענט יאשען.

יאשא

נעמט זי ביי דער האַנט.

ליזעטשקע, עס רײסט מיר דאָס הארץ קוקענדיג אויף דיר, דו װײסט איך האָב דיר דאָס קײנמאָל ניט געזאָגט, אבװאָהל

איך האָב געוואוסט, אז דו ביזט צו מיר אויך ניט גלייכ־גילטיג, דאָך האָב איך ניט געוואָלט ריידען וועגען דעם, ווייל מירביידע זיינען נאָך צו יונג, אָבער דאָס מוז איך דיר זאָגען, אז אזוי שנעל ווי איהר האָט באשלאָסען צו פאָהרען קיין אמעריקא, האָב איך באלד אָנגעפאנגען צו ארבייטען, אז מיינע עלטערען זאָלען אויך פאָהרען, ווייל איך מוז זיין לע־בען דיר. איך מוז דיך זעהן. און איצט! איצט!

ליזע

יאשע! וואָס וועט איצט זיין? ווי אזוי זאָל איך באשליסען? וואָס זאָל איך טאָן?

יאשא

טייערע ליזעטשקע! איך פיהל דיך מיט, הלואי וואָלט מען מיך פארבראקעוועט, ווייל איך ווייס ווי שווער דיר איז זיך צו שיידען מיט דיינע עלטערען, אָבער דאָך איז גלייכער, אז זיי זאָלען יאָ פאָהרען, דאַן האָבען מיר נאָך גוטע האָפנונג, אז מיר וועלען זיך באגעגענען, און ווייסט דאָך, קוקט זיך ארום, איך וועל ארבייטען דאָרט, וועל זעהן ווערען א גרויסער מענש, וועל זיך פריסטרויען. באגייסטערט. וועסט זעהן, איך וועל אָנוועגדען מיין גאנצע ענערגיע, וועל אלעס טאָן מיט לוסט, ווייל, ווייל עס וועט זיין פאר אונז ביידע, דו וועסט זיך דאָ אויסהיילען די אויגען, וועסט קומען צו אונז און דאַן, דאַן וועלען מיר אלע זיין אזוי גליקליך, אזוי ג ל י ק ל י ך! יע ליזעטשקע. פרעסט איהר די האַנט. יע?

ליזע

י א ש ע! י א ש ע! דייגע רייד זיינען אזוי זיס, אזוי דערקוויקענד, אָבער יאשעטשקע, מיין פאָטער, מיין מוטער, דו ווייסט דאָך, איך בין אויף מיין לעבען ניט געוועזען אָהן זיי, קיין מאָל ניט געגעבטיגט אין דער פרעמד, און ווער ווייסט פילייכט וועל איך קיינמאָל ניט קענען קומען קיין אמעריקא? טאָמער וועט מען חלילה מיינע אויגען ניט קענען אויסהיילען, וואָס וועט דאַן זיין? פרעסט זיך צו איהם.

יאשא גלעט איהר.

חלילה! ווארום רעדסטו אזוי? דאָס וועט קיינמאָל ניט

געשעהן, און אויב חלילה יאָ וועלען מיר אַלע קומען צוריק צו דיר. אָבער ניין! איצט ליזעטשקע טו דאָס צוליב דיין אייגען גליק, צוליב מיר, צוליב אונז ביידען, באהערש דיך. דו בלייבסט דאָך מיט דיין זיידען, וועלכער ליעבט דיך אזוי שטארק, צייג אז ביזט שוין א בארישנע, נעם זיך אָן מיט קוראזש, מיט מוט, לייד אביסעל, דו ווייסט דאָך, אז עס ווערט ניט ליכטיג ביז עס איז ניט פינסטער, און ווידער, ווידער.

ליזע

וואָס מיינסטו?

יאַשא

איך מיין צוליעב דיינע עלטערען, דיין מוטער וויל פאָהרען, און זי האָט רעכט, וואָס וועט זיין דער תכלית דאָרט? איהר האָט זיך אזוי צובראָכען, דיין פאַפּאשע ווידער וויל דיך ניט לאָזען אליין, נו ווייסט דאָך, וועלען זיי זיך קריגען, אזוי אָבער דארפסטו נאסטייעווען זיי צווינגען, אז זיי זאָלען פאָהרען, זאָג זיי צו, אז וועסט ניט וויינען, און טאָרסט טאקע ניט וויינען, וויל עס שאדעט דיינע אויגען, און דאן ליזעטשקע וועסטו זעהן, מיר וועלען זיין אזוי גליקליך, די גליקליכסטע אויף דער גאנצער וועלט.

ליזע

יע, דיר איז לייכט צו ריידען, פאָהרסט מיט דיינע טאטע מאמע, דאָרט וועסט זיך באקענען מיט אנדערע מיידלעך, און וועסט אָן מיר אינגאנצען פארגעסען.

יאַשא

וואָס רעדסטו? נאדיר מיין האנט. גיט איהר. איך שווער דיר. זאָל מיר מיין מח אויסטריקענען, אויב איך וועל דיך פארגעסען.

ליזע

טוט איהם אַ גלעט.

ניט שווער זיך אזוי, איך גלויב דיר. זעהסטו איך קאָן דיר יאָ שווערען, אז איך וועל די גאנצע צייט טראכטען פון דיר, נאָר פון דיר, אפילו צוריק מיט א יאָהר, ווען איך האָב אָנ־

געפאַנגען צו לעזען ראָמאַנען פלעג איך אימער זיך פאָרשטע־לען, אַז איך בין די געליעבטע און דו דער העלד.

יאַשאַ

טאַקע! ווירקליך, וואָרום האָסטו דאָס גאָר קיין מאָל ניט געזאָגט?

ליזע

איך האָב זיך איצט אויך געשעמט, נאָר אַזוי ווי דו פאָהרסט אַוועק, האָב איך געוואָלט, אַז זאָלסט וויסען.

יאַשאַ

ליזעטשקע, איך מוז דיר אַ קוש טאָן איצט און דאַן וועל איך זיין אַזוי גליקליך!

ליזע

קוקט זיך אַרום.

אָבער נאָר איינעם, ניט מעהר. ער נעמט זי אַרום און קושט זי.

ליזע

איך דיר אויך איינעם.קושט איהם.

יאַשאַ

פיליייכט נאָך איינעם?

ליזע

איך וויל זאָלסט האַלטען וואָרט. אַט רוף איך פּאַפּאַ׳ן מאַמע׳ן און זאָג זיי, אַז זיי זאָלען פאָהרען, און איך בלייב מיט׳ן זיידען.

יאַשאַ

אָבער געדיינק זאָלסט ניט וויינען.

ליזע

ניין. איך זאָג דיר צו, אַז מעהר וויין איך ניט, אפילו ביים גע־זעגענען, קיין איין טרער וועסטו זעהן.

יאַשאַ

געדיינק זשע.

ליזע

לויפט צו דער טיר. שרייט.

פאַ! מאַ! קומט אריין שנעל, קומט אריין.

עס ערשיינט ברכה, שמואל און יחיאל.

ברכה

וואס איז געשעהן?

ליזע

פאאפשע, איך האב זיך באדיינקט, אז איהר זאלט יא פאה־רען, און איך וועל דא בלייבען.

שמואל

טאקע! דו מיינסט דאס?

ליזע

געוויס, פאפא. די מאמע האט רעכט, וואס וועט זיין דער תכלית, מיר וועלען קומען צוריק, דאס ביסעל געלט וואס מיר האבען וועט זיך צוגעהן, און דאן ווען מיר וועלען קענען פאהרען וועלען מיר ניט האבען אויף הוצאות.

ברכה

א לעבען צו איהר, ווי זי פארשטעהט אלעס.

שמואל

אבער דו וועסט דען קענען זיין אהן אונז? וועסט דאך אי־מער וויינען און בייענקען נאך אונז.

ליזע

זעהסטו, פאפא, קענסט מיך ניט. איך, אז איך באשליס עפעס, וועל איך דאס דורכפיהרען, וועסט זעהן אז איך וועל מעהר ניט וויינען, אפילו איין טרער ניט ארויסלאזען,ביים געזעגענען וועל איך אויך ניט וויינען.

יחיאל

עט עס רעדט זיך נאר אזוי.

ליזע

וועסט זעהן זיידעניו. איך וועל זיך פארשטעלען, אז דער טאטע מיט דער מאמען פאהרען אויף דעם יריד, און איך בלייב מיט דיר, נו! פלעג איך וויינען?

שמואל

אבער מיר פלעגען דאך ביינאכט קומען צוריק.

ליזע

פלעג זיך דען ניט מאכען, אז איהר האט זיך פארשפעטיגט און איך בין געגאנגען שלאפען איידער איהר זייט געקומען,

און אזוי וועל איך מיר אלע טאָג יארידאָווען ביז, ביז איך וועל אליין אויך פאָהרען אויף דעמזעלבען יריד, פאַר־שטעהסט? חא־חא־חא, א יאָ, עס איז א שכל?

ברכה

נעמט זי אַרום.

מיר זאָל זיין פאר דיין קאָפּ, מיט דיינע זיסע ווערטער צו־ברעכסטו מיר מיין הארץ אויף שטיקלעך, ניט מעהר איך בין מעהר אויסגערעכענט פון דיין פאפא'ן, אָבער דאָס וואָס איך פיהל איצט, קאָן נאָר א מוטער מיטפיהלען, ליזעטשקע! לי־זעטשקע!

ליזע

שטופּט זי אָפּ.

מאמע! נאָר ניט וויינען, ווייל דו פארשטעהסט דאָך, עס הויבט אָן שטיקען און איך וויל ניט ברעכען מיין באשלום, נאָר ניט וויינען. שפרינגט. אָט אזוי, פרעהליך, וואו איז מיין פעקעל? לויפט צום זיידען, נעמט איהם אַרום. זיידעניו, דו שיקסט אוועק דיינע קינדער און איך מיינע עלטערען, מירביידע עלענדע וועלען מיר זיך האלטען צוזאמען, דו וועסט מיך ליעב האָבען ווי א קינד, און איך, פרעסט איהם צו זיך, ווי א טאטען מיט א מאמען צוזאמען, יע זיידעניו?

יחיאל

ווישט זיך די אויגען.

געוויס מיין קינד, געוויס.

ליזע

חא־חא! זיידעניו, דו וויינסט נאָך? פע, דאָס פּאַסט פאר א באבען, אָבער ניט פאר א זיידען. חא־חא! אזא אלטער איך און וויינט נאָר, חא־חא! וואָס זאָגסטו יאשע? אָה, זעה נאָר עפּעס, דו שטעהסט אויך ווי א חתן בחור, וואָס איז דיר? דו פאָהרסט דאָך מיט דיינע מאמע־טאטע?

געשנעדיל קומט מיט א שאל און שרייט.

שלימ'מזל'ניק האלט זיך צו אָן מיר, זאָלסט ניט פארגעסען אָן זיך. נו, איהר פאָהרט, מען געהט דאָך שוין אלע, מיר וועלען פארשפּעטיגען.

ליזע

גענווים, זיי פאָהרען אויף דעם יריד, איך געה זיי ניט באַ־גלייטען.

גענענדיל

נעמט זי אַרום און קושט זי.

זיי געזונט. וויינט. אָה דו טייער קינד געבעך.

ליזע

נאָר ניט קיינע תחינות. פאָהרט געזונט. שפּרינגט צו יוסף אלי׳ן. גיט איהם די האַנט. און איהר ר׳ יוסף אלי, פאָהרט אייך געזונט און מאכט גוטע געשעפטען אויף דעם יריד.

שמואל

נעמט זי אַרום. פּרעסט זי שטאַרק.

קינדעלע מיינס, קינדעלע...

ליזע

ט א ט ע, ט א ט ע! איך בעט דיך, רעד ניט א וואָרט, איך קען זיך באלד מעהר ניט באהערשען. פאָהר געזונט. קושט איהם לאַנג. לעב בשלום מיט דער מאַמע׳ן צוליעב מיר. שטופּט איהם אָפּ.

בדכה

נעמט זי אַרום.

ל י ז ע ט ש ק ע! ל י ז ע ט ש ק ע!

ליזע

מ א מ ע! מ א מ ע! קושט זי לאַנג. געהט, געהט, דער זיידע וועט אייך באגלייטען אויף דעם יריד און מאכט גוטע געשעפטען.

אלע לאָזען זיך געהן.

שמואל

נעמט איהר האַנט.

נאָך איין מאָל.

ליזע

ניין מאַטע! ניין, עס איז צו שווער, איך וויל קיין לינגער בלייבען. שטופּט זיי. געהט שנעלער.

יאַשאַ

גיט איהר די האַנט.

ליזעטשקע!

ליזע

יאַשע! יאַשע דאָס איז די לעצטע פּראָבע. נאָך דיך איבער־קומען. מאכט דאָס שנעל, שנעלער, פאָהר געזונט, שרייב אָפט. שטיל. איך בלייב דיינע אויף אייביג. ציטערט, וואַרפט די האַנט. נאָר גערה, גערה, שנעלער, ווייל עס שטיקט שוין אין האלז. נעמט אַ טיכעל, וויל זיך ווישען די אויגען. פאַרבאַטט, לאַכט און וויינט.

יאַשאַ

ל י ז ע ט ש ק ע! טייערע.

ליזע

ניין, ניט א וואָרט, געה. שטופּט איהם אַרויס, לויפט צו דעם פענסטער, מאַכט מיט'ן טיכעל, שרייט. פאָהרט געזונט אויף דעם יריד, מאכט גוטע געשעפטען. דאַן כאַפּט זי דאָס פּעקעל, פאַלט אַרויף. אלע זיינען אוועקגעפאָהרען, נאָר איך בין גע־בליבען אליין, אליין. וויינט שטאַרק.

פ אָ ר ה א נ ג.

צווייטער אַקט

עס שטעלט פֿאָר אַ שעהן אויסגעמעבלירט עסצימער לינקס, צו טירען וועלכע פֿיהרען צום שלאָפֿצימער און רעכטס אַ טיר צו דער גאַס, לעבען דער וואַנט אַ קאַנאַפּע, איבער דעם קאַנאַפּע הענגט אַ פֿאַרגרעסערטע בילד פֿון ליזעטשקע, אויף דעם טיש ליגען אָנגעלעגט קאָרטען, גלעזלעך, פֿלעשלעך און שטיקלעך סיגאַרס.

שמואל

ערשיינט, קוקט זיך אַרום, אַביסעל פֿאַרשלאָפֿען, באַטראַכט אַלעס, גלעט די באָרד נערוועז, שרייט.

ברכה! ברכה!

ביטרעס

קומט אַריין, קרימט איהם נאָך.

ברכה, ברכה מעגסט זיך שוין אויסלערנען מיך רופען ביט־רעס. וואָס דאַרפסטו מיך? גרויסער פֿאַרדינער מיינער, נעם זיך אַליין אַ גלעזעל טיי, און זוך עפּעס אַרבייט, מיך באַדער ניט, ווייל איך ערוואַרט היינט געסט.

שמואל

הא, ערוואַרטעסט געסט, אימער נאָר געסט, איך ווייס גאָר ניט וואָס פֿאַר אַן אומגליק ביי מיר אין הויז. גאַנצע נעכט שפּיעלט מען קאַרטס, קוק! ציינט אויף די קאָרטען. מען טרינקט, מען הוליעט, נאָך אַ טאָג אַרבייט וואָלט זיך געוואָלט אויסרוהען, נאַ דיר גאָר געסט אויף מיין קאָפּ.

ביטרעס

נו? וואָס זאָגסטו דערויף, איך טאָר זיך ניט פֿאַרברענגען אַביסעל, די סך פֿאַרגעניגענס וואָס איך האָב ביי דיר, דאָ, פֿאַרשטעהסטו מיך, איז ניט קאַוואַליוּקע, עס איז אַמעריקאַ. און כל זמן מען לעבט דאַרף מען לעבען.

שמואל

נו? און לעבען הייסט זיין אויף גאַנצע נעכט? לעבען הייסט

פארברענגען מיט פרעמדע לייט ? ווער קען זיי ? ווער ווייסט זיי ? ווי קומען זיי צו מיר ? היינט וויל איך דיך פרעגן : מילא דיינע גרויסארטיגע רומס באצאהלען דיינע באָרדערס, אזוי זאָגסטו דאָך, און ווער צאָהלט פאר די אלע סאפערס ? זאָג נאָר, דאָס אלעס קענסטו אויספיהרען מיט מיינע פארדינסטען ?

ביטרעס

נו ? דארף מען זיין גוט צו א מאן ? אז לא די אין די לא, איך האָרעווע, האלט א באָרדער מיט א באָרדערקע, וואש פאר זיי, ראָם פון זיי, צוליעב וועמען ? אז ביי דיר איז דאָך קיין זאך ניט אָנגעלעגט, מיר וואָלטען דאָך נאָך איצט אויך גע־וועזען געפינסטערט אין בייסמענט, מיר וואָלטען דאָרט גע־קראָגען קאָמסאָמפשאָן פון דער נעץ אין די דומפּפּיגע לופט, איך האָב דיך ארויסגענומען, דיך אריינגעבראכט אין פאלא־צען מיט אלע באקוועמליכקייטען, וואָס נאָך ווילסטו ?

שמואל

איך וויל גאָר ניט, מיר איז ליעבערשט געוועזען צו וואוינען דאָרט אין בייסמענט און האָבען א רוהיגען לעבען איידער אזא טאראראם, איך וויל אָבער וויסען וואָס טוען דיינע באָרדערס ? וואָס איז זייער ארבייט ? און ווארום צאָהלען זיי דיר אזוי פיעל ?

ביטרעס

וואָס הייסט וואָס ? איט'ס נאָ באדיס ביזנעס, זיי זיינען רייכע קינדער, די עלטערען שיקען זיי אָדער זיי האָבען א גרויסע ירושה. אלעס ווילסטו וויסען, נא טרינק און פרעג זיך וויינציגער נאָך. דערלאַנגט טיי. ער דערזעהט אַ גרויסען רינג אויף אַיהר פינגער.

שמואל

טוט זי אַ כאַפּ ביי דער האַנט.

וואָס אי זדאָס ? ווי קומט צו דיר אזא רינג ? ווער האָט דאָס דיר געגעבען ? זאָג מיר, איך וויל וויסען ווי אזוי ווערט עפּעס אלעס מיט אמאָל באשאפען. נייע קליידער ! רינגען !

און נאָך וויים איך וואָס, וואָס טוט זיך דאָ? וואו נעמסטו
דאָס אלעם?

ביטרעס

האַ־חאַ. מיט אַ געמאַכטען געלעכטער. א שעהנער גלעזער ביזטו?
ביזט א מבין אויף גלאָז, דו ווייסט וויפיעל דער רינג קאָסט?

שמואל

וויפיעל?

ביטרעס

שטעל זיך פאָר, אז איך האָב דאָס געקויפט ביי וואולוואָרטה'ן,
און דאָרט איז קיין ארטיקעל העכער פון 10 סענט, אזא לוק־
סוס טאָר איך זיך אויך ניט פארגינען? דאָ וואוינען אלע
נגידים, זייערע פרויען טראָגען דזשולערי, נו וויל איך זיי אָפּ־
נארען.

שמואל

איך וויים, איך וויים, וואו ערגעץ א מציאה קריגסטו, בעסטע
שיך קריגסטו פאר איין דאָלאר פינפאונצוואנציג, דיינע
קליידער בארגיינס, מען וועט דיר שוין באלד עפּעס צוצאָה־
לען, אז זאָלסט קויפען, ווארט, ווארט עס וועט אלעם ארויפ־
קומען ווי בוימעל אויף וואסער.

ביטרעס

פוי זאָלסטו ווערען, ביזט אויפגעשטאנען אויף דער לינקער
זייט, זאָל דאָס ארויפקומען, ווער האָט מורא פאר דיר.

שמואל

שטופּט אָפּ די טיר.

זאָל זיין אזוי, זאָל זיין אזוי. נעמט דעם קאסטען מיט גלאָז. איך
געה, דו ביזט דאָך ביזי, ערוואַרטעסט געסט.

ביטרעס

געוויס, זאָלסט נאָר ניט פארגעסען און געהן אויף דער הינ־
טער טיר, און זיך איבערטאָן, זאָלסט ניט ארייַנקומען מיט
דיינע בגדים אין דיינינג רום.

שמואל

איך וויים איך שטעה דיר ניט אָן. אַ קלאַפּ מיט דער טיר. געהט
אָפּ.

ביטרעס

קומט אַרויף צום בילד, פאַרבריכט די הענט, רעדט שטיל.

ל י ז ע ט ש ק ע ! ל י ז ע ט ש ק ע ! מיין קינד. *געהט צום בופעט, נעמט אַרויס אַ לעטער, לייענט.* „טייערע מאמע, אַ ווי איך וואָלט וועלען זיין מיט אייך צוזאמען, איך בייןצ אזוי שטארק, איך וואָלט געפלויגען צו אייך“. אָה מיין אָרים קינד, צו ווערסטו כאָטש פארגיבען דיין מוטער, וואָס זי טוט צוליב דיר? *וויינט שטיל.*

דייוו

אַ געזונטער שעהנער יונג, אָהן אַ קאַלער און קאָוט.

גוד מאָרנינג ביטרעס, שוין ווידער וויינסטו? וואָס ווידער? אזוי ביזטו דאכט זיך אן אינטעליגענטע פרוי און אז עס קומט צום וויינען ביזטו א אידענע גלייך מיט אלע אידענעס.

ביטרעס

דייוו, דער אלטער שטויסט זיך עפּעס אָן. ער האָט מיר היינט געשטעלט א פּאָר פראגען.

דייוו

אזוי, דער אלטער האָט דיך געפרעגט די פיר קשיות? נו? זאָגט מען איהם „עבדים היינו“, מיינד יור אָון ביזנעס. זעהסטו ביטרעס, איך בין שוין באלד אָלרייט, נאָך אביסעל און איך בין א פּוירפּעקט דזשענטעלמאַן.

ביטרעס

וואָס מיינסטו דייוו?

דייוו

גאָר פּשוט, די ערשטע צייט ווען איך האָב באשלאָסען צו געהן מיין וועג, לעבען מיין אייגען לעבען, איז ווען איך בין באגאנגען א פארברעכען, נישט ביי מיר, נאָר ביי דער וועלט אין די אויגען, דאן האָט מיך געערגערט, עס האָט מיך געגריזעט, אָט דאָס וואָס מען רופט געוויסען, אָבער איצט געהט דאָס ווי געשמירט, וואָס איך זאָל ניט טאָן האָב איך קיין חרטה, ווארום זאָל איך זיין געצוואונגען צו טאָן דאָס וואָס די וועלט וויל? די וועלט טוט עפּעס א סך וואָס איך וויל?

ווען א פרוי שמעלצירט

ביטרעס

אבער קוק צו וואס פאר א שטופע דאס האט דיך און מיך געבראכט, ברייגגען מענשען צום זינדיגען, מאכען געלט דורך דעם, דיינקסטו ניט, אז מיר זיינען צו ווייט פארגאנגען?

דייוו

אמת! קלאפט מיט א קולאק. אבער די אלטע הול־טאיעס, וואס קומען געניסען דא, ווי אזוי האבען זיי געמאכט זייער געלט? דורך תהלים זאגען? דורך גניבה, גזילה, גע־ראבעוועט, געשטיקט, געזויגען דאס בלוט פון דעם טאטען, פארוואנדעלט דאס אין דאלארס, און מיט דעם טאטענס געלט געניסט ער פון זיין טאכטער.

ביטרעס

האסט פיליכט רעכט, אבער עס איז א געפערליכער וועג, אויף וועלכען דו פיהרסט מיך, איך טרעט אבער ניט מיט זיכערע טריט, יעדען שפאן וואס איך מאך פיהל איך ווי דער באדען זינקט אונטער מיינע פיס, איך פיהל זיך ווייט, ווייט פון דער וועלט, ווייט פון מיין מאן, נאך ווייטער פון מיין פאטער און מיין איינציג קינד.

דייוו

ווייט פון דער וועלט? פון וואסער וועלט? די מאסקירטע, היפאקריטישע וועלט? וואס קומט דיר דערפאר, וואס דו ווילסט אויך לעבען? דו ווילסט אויך עטוואס געניסען? וואס ערלויבט דיר די וועלט? האנדלען מיט מצות ערב פסח? דאס הייסט געמאכט א ערליך לעבען? פארקויפען בענש ליכט, דאס איז אויך א כשר'ע פרנסה, דאס איז אלץ אזעלכע געשעפטען, פאר די וואס ווילען בלויז גן עדן, יענע וועלט, עולם הבא, אבער דו ווילסט אביסעל געניסען פון דער וועלט ניט אזוי?

ביטרעס

געוויס, ווילט זיך דאס!

דייוו

באמערקסטו דען נישט? ווען אן אלטער בעל עבירה־ניק קומט אהער, ווער איז ער? א מאראל פרעדיגער, א גבא אין

א שוהל, א פרעזידענט פון א סאָסייעטי אָדער אַן אַנגעזעצטיגמער פארדאַרבענער לענדלאָרד, עס טרייסלען זיך שוין זיינע הענט, און ער וויל מיט זיין רויב נאָך געניסען, עס איז איהם ווינציג וואָס ער לעבט אין רייכטום, האָט אויטאָמאָבילס, אלע באקוועמליכקייטען, ניין! ער וויל מעהר, נאָך! ער וויל זיך אָנזעטיגען מיט גענוג פרויען פלייש, אלעם איינשלינגען אין זיך, און דיר הייסט ער האנדלען מיט אָפּגעשלאָגענע הושענות, דיר הייסט ער זיין עהרליך, דיך פארדאמט ער ווען דו ווילסט אויך עטוואָס געניסען. דאָרא! דאָרא! אַ יונגע שעהנע פרוי מיט אַ רויט סילקענע קאָמאָנע.

דאָרא

וואָס רופט איהר מיך?

סעי דאָרא, היינט קומט צו אונז אויף דינער אַן אלט מענשעלע, אָבער אָנגעשטאָפּט פול מיט געלט, קומט פון זעהר אריסטאָקראַטישער פאמיליע, ער לעגט אוועק אלע ביזנעס אָן א זייט און קומט כאפּען פרישע לופט, אזוי זאָגט ער אין דער היים... זאָלסט איהם נאָר גוט ארומטרימען, אזוי א הער קאט, אַ שייוו, א שאמפּאָ, אַ מאסאזש, אַזוי פון אַלע פאַקעטס.

דאָרא

אָלרייט, איך וועל איהם שוין ריכטיג מעניקיורען.

ביטרעס

דייוו, רעד ניט אזוי וועגען דעם, דו רעדסט צו אָפען.

דייוו

הא־חא. ביטרעס, גלויב מיר, אז עס איז ניט דאָס געלט, נאָר דער פארגעניגען וואָס איך האָב, ווען איך זעה איהם זיך ארויסכאפּען אויף דער הינטער טיר, און ער באמערקט, אז עס פעהלט איהם א פּאָר ארטיקלען, און ער מוז אויף ארונטערשלינגען א ביטערע פיל, מוז מאכען א שוויג, ווייל ער איז דאָך עפּעס אַן אָנשטענדיגער מענש. הא! חא! חא! וואָס זאָגסטו דאָרא איז דיר אויך ניט געפעלען דיזער וועג?

דאָרא

בעליוו מיר, דייוו, דהער איז נאטהינג אין איט.

דייוו

גיט זי אַ שלעפּ, זעצט זי לעבען זיך.

וואָס מיינסטו דאָרא?

דאָרא

איהר הערט, דייוו, סאָ העלפּ מי גאָד, ווען איך זאָל קריגען אַ פיינעם יונגענמאַן און חתונה האָבען ווי גאָט האָט געבאָטען, וואָלט איך איהם געוועזען געטריי און איבערגעגעבען מיין גאַנצען לעבען, אַז עס סיק ענד טייערד פון אזא לעבען.

דייוו

איי וואוד נעווער טראָסט יו, אזעלכע חברה קאָנען ניט פיהרען אַן עהרליכען פאַמיליען לעבען. די ערשטע צייט פיליכט, ווייל עס איז עפּעס נייעס, אָבער אַז עס פאַרגעהט אַ שטיקעל צייט, דאַן ערוועקט זיך אין אייך די אלטע חיה, איהר בײנקט נאָך דעם פרעהליכען לעבען, די פארשימעלטע מאָראַל דערעסט אייך, איהר ווילט אימער נייעס, פרישעס, עס רייצט אייך צו זעהן נאָך אמאָל די קראַפט פון אייערע אויגען, איהר געהט פאַרביי אַ מאַנספּערזאָן, טוט אַ וואונק און איהר האָט פאַרגניגען צו זעהן, ווי ער ווערט צורייצט, פאַרגעסט אַן אלעם און פאָלגט אייך נאָך.

דאָרא

אַ ניין! ניין! מיר אומגליקליכע וואָלטען זיך געפיהלט גליקליך, ווען אַ מאַן זאָל אונז געבען אַ היים, זיך רעכענען מיט אונז ווי מיט זיין גלייכען. עס בײנקט זיך נאָך די אומארמונג פון אַ מאַן, וועלכער טוט דאָס אלס ליעבע, ניט אום צו קריגען זיין מאָנים וואָירטה, דיזער וואָס באַצאָהלט, עקעלט מיך, ווייל נאכהער, נאכהער דענקט ער פון מיר ווי פון אַ שמוציגע בריאה, איהר פארשטעהט?

דייוו

חאַ־חאַ, אזוי נאָר, דו בײנקסט נאָך אַ היים? וואָס אַ שפּייגער פעהלט דיר איצט? גיט אַ שלעפּ איהר קאַמאַנע. נאַ זעה סילקענע אַנדערוועער טראַגסטו! צייג מיר נאָר וויפיעל אַנדערע פרויען קענען זיך דאָס פארגינען? געהען אָפּגעריסען, פארשווארצט, אויסגעהונגערט.

דאָרא

אָבער דעם פארגנינגען פון די קינדערלעך? א כפרה אַלע סיל־קענע שוירטס, פאר א שמייכעל פון א קליין געזעצליך קינד, איהר פארשטעהט? לאָזט מיך געהן זיך איבער־טאָן. אַפּ.

ביטרעס

זעה, דייוו, ווי וואונדערבאר, דריי פּערזאָנען אין איין הויז, מיר אַלע אומגליקליכע, און דאָך פארשידען, דו האָסט זיך ארויסגעריסען פון דער אַלטער סיסטעם, איך וויל זיך ארויס־רייסען און זי וויל זיך צוריק אריינכאַפּען. יאָ, מען קען ניט געניסען ביז מען באצאָהלט ניט א פּרייז, און עס איז א פראַ־גע ווי גרויס דער פּרייז וועט זיין. א קלאַפּ אין טיר. יוסף אלי ערשיינט מיט א פּעקעל.

יוסף אלי

גאָט העלף.

ביטרעס

גאָט העלף ר' יוסף אלי, וואָס מאכט מען עפּעס?

יוסף אלי

וואָס זאָל מען מאכען, מען פּעדעלט, יאָ וואו איז ערגעץ אייער באָרדערקע? ווי אזוי הייסט זי? יאָ בעסי?

דייוו

וואָס פאר א בעסי? דאָרא הייסט זי. איך האָב אייך שוין געזאָגט טויזענט מאָל!

יוסף אלי

יאָ, איהר האָט רעכט, טאקע, איך מיין טאקע דאָרא. וואו איז זי יעצט?

ביטרעס

וואָס דאַרפט איהר זי?

יוסף אלי

זי האָט ביי מיר געאָרדערט סילקענע אונטערוועש, האָב איך געבראכט ניט דעם ריכטיגען סייז. ווי געוועהנטליך פאר־געסען, יעצט האָב איך דאָס געטשענדזשט.

ביטרעס

זי איז אין צווייטען צימער. טוט זי א רוף.

יוסף אלי

שרייט.

מים פעני! מים פעני! קומט אריין.

דייזו

ר' יוסף אלי, איהר האָט א וואונדערבארען זכרון. שרייט איהם אין אויער. דאַרא! הייסט זי.

יוסף אלי

ווארט א מינוט. פארשטעקט מיט א פינגער דעם צווייטען אויער. זגאָט נאָך אמאָל, ווייל בעפאָר איז דאָס דורך דעם אויער ארויס, איהר פארשטעהט?

דאַרא

ערשיינט.

העלאָ ר' יוסף אלי, נו וואָס הערט זיך, געבראַכט דעם ריכ־טיגען סייז?

יוסף אלי

געוויס, א פערציגער האָט איהר דאָך געוואָלט.

דאַרא

וואָס רעדט איהר? א פערציגער איז דאָך געוועזען בעפאָר. א יעקסאונדרייסיגער, יו נאָו, צייגט נאָר אהער.

יוסף אלי

נו וואָס מאַכט דאָס אוים, מען וואקסט דאָך. דערלאַנגט איהם א סילקען העמדעל. דאַרא נעמט, פארשווינדט אין צווייטען צימער.

ביטרעס

איהר ווייסט ר' יוסף אלי, אז מיין ליזעטשקע האָט מיר גע־שריבען, אז מיט עטליכע הונדערט רובעל, וואָלט זי פיליכט געקענט זיך ארויסכאַפּען פון דאָרט און קומען אהער מיט מיין פאָטען, איך האָב איהר ארויסגעשיקט די געלט, פיליכט וועט גאָט העלפען און איך וועל קריגען א גוטע בשורה, אז זיי פאָהרען שוין.

יוסף אלי

ריכטיג! דאָס וועט זיין גרויסע געסט, איך וועל דאָס דער־

ציילען פיין געגעגדלען און יאשע, זיי וועלען טאנצען פאר שמחה.

דייוו

אבער וואס הערט זיך מיט פארגעסען.

יוסף אלי

חלילה, אזא זאך? אזוינע טייערע מענשען ווי ברכה׳ס קינד און פאטער קיינמאל נים.

דארא

שרייט.

ר׳ יוסף אלי זייט אזוי גוט קומט אריין.

יוסף אלי

געהט צו דער טיר, קוקט אריין, שפרינגט צוריק.

א א צרה, וואס זאגט איהר דערויף? וואס פאר א בחור׳טע איז דאס ביי אייך? פע כ׳לעבען, איך וואלט זיך ניט גע־ריכט, אז ביי אייך זאל זיין אזא באדרעקע.

דייוו

וואס איז געשעהן? וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען?

יוסף אלי

וואס הייסט וואס? זי רופט מיך אריין צו זעהן ווי עס פיט אויף איהר דאס סילקענע העמדעל, פוי זאל זי ווערען.

ביטרעס

וואס רעדט איהר? ווירקליך? איך וועל איהר שוין אויס־ריידען.

דייוו

איי ר׳ יוסף אלי, איהר זייט נאך גאר א גרינער, טו א אידען א טובה, וויל ער נאך ניט, איהר האט עפעס א סך דערלייגט צום עסק, הא! הא!

יוסף אלי

א געהט שוין געהט, ווי אזוי וואלט איהר זיך געפיהלט אין אזא צופאל, פע, פע, ניט שעהן.

דארא

קומט צוריק, לאכט שטארק.

וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקען, ר׳ יוסף אלי? עס איז

ניט מעהר ווי רעכט, אז איהר זאָלט מיר זאָגען, ווי עס איז. וויפיעל קומט אייך? נאָר פארגעסט ניט און זאָגט ניט צו טייער.

יוסף אלי

בלויז פינף דאָלאר, דאס איז צוליעב אייך, ווייל איהר זייט זעהר א שעמעוודיגע...

דאָרא

פינף דאָלאר איז דאכט זיך צופיעל.

ביטרעס

דאָרא, דארפסט זיך ניט דינגען, זאָל נאָך אימיצער מאכען א לעבען.

דייוו

דאס רייט, לעבען און לאָזען לעבען.

דאָרא באצאָהלט. יוסף אלי דאַנקט איהר.

יוסף אלי

יעצט לויף איך גלייך אהיים זאָגען געגענדלען. איהר זעהט, איך פארגעס ניט אז, אז, דאָרא קומט.

דייוו לאַכט.

ביטרעס

ניט דאָרא, מיין ליזעטשקע, מיין ליזעטשקע!

יוסף אלי

גערעכט, גערעכט, עס מאכט זיך אמאָל מען פארגעסט. א גוטען טאָג. אַפּ.

דייוו

צו דאָרא'ן.

איהר ווילט דאָך התונה האבען. אָט למשל אז איהר טרעפט אזא גערעטענעם יונגענמאן, ווי יוסף אלי, עס איז דאָך א ברכה פון גאָט.

דאָרא

ווארום עפּעס אזעלכען? פיליכט אזא ווי זיין זוהן!

ביטרעס

גאָרניט קיין שלעכטען אפּעטיט האָט זי!

מען טוט צוויי קלאַפּ אין טיר.

דאָרא

דאָס מוז זיין דער אלטעטשקער. לויפט צו זיך אין צימער.

ביטרעס

ווען דו זאָלסט וויסען וויפיעל איך לייד, יעדער קלאַפּ טוט מיר א ריס אין הארצען, איך קען זיך ניט צוטרייען צו אזא לעבען.

דייוו

איי רעד נישט קיין נארישקייטען, מיט דער צייט ועט דאָס ווערען ביי דיר א וואָכעדיגער גאנג. איך רוף אריין, יענעם גערהט דאָרט אוים די נשמה. קאם אין! עס קומט אריין אַן על־טערער מאַן, רייך געקליידעט.

דייוו

דערלאַנגט איהם די האַנט.

העלאָ מר. בלומענטאל. איי עם סארי, איהר וועט היינט זיין דיסאפּאָינטעט.

בלומענטאַל

דערשראָקען.

ווירקליך? וואָס איז געשעהן?

דייוו

עפּעס פיהלט זי ניט אם בעסטען, איהר וועט האָבען א הארד דזשאב, איהר מוזט זי קענען פאראינטערעסירען, יו נאָו, יו מאָסט בי ע ספּאָרט ביי דהי ווי מיט מאדאם ברעגער, מר. בלומענטאל.

בלומענטאַל

בויגט זיך העפליך, גיט איהר די האַנט.

איי עם דעלייטעט.

ביטרעס

זיצט, מאכט זיך באקוועם, עפּעס איז זי ניט מיט אלעמען, אָבער איך וועל פועל'ען ביי איהר זי זאָל ארויסקומען.

דייוו

איטס אָלל רייט מאדאם ברעגער, איהר קענט זיך פארלאָזען

אויף הערד בלומענטאל, ער ווייסט שוין ווי צו זיין א קאוואַ־ליער, מען טרינקט צוביסלעך, מען דערוואַרימט זיך, עס ווערט פרעהליכער אויף דער נשמה און, הוע הע, יו נאָו והאַט איי מין. — אלזאָ מיר וועלען ארויפשטעלען א פּאָר באָטלעך שאַמפּאַניער, וואָס איך האָב געקראָגען גראָד נאָך דעם ערש־טען דזשולײ. עס וועט זיין אַלרייט.

ביטרעס

איהר פאַרשטעהט, זי איז אביסעל א שעמעוודיגע, נאָך גאָר א יונג קינד.

בלומענטאַל

טאקע? ווירקליך?

דייוו

הא־חא, אָט דאָס וואָס איהר גלייכט.

ביטרעס

עס איז די נויט וואָס האָט איהר געצוואונגען. זי האָט נע־בעך א קראַנקען טאַטען, וואָס מען מוז אוועקשיקען קיין קאַ־לאָראַדע, און עס איז דאָ קליינינקע ברידערלעך מיט שווע־סטערלעך, נו וואָס קאָן אזא מיידעל נעבעך טאָן?

בלומענטאַל

אזוי? ווירקליך? איט איז ע פּיטי?

דייוו

איהר פאַרשטעהט, מיט סימפּאַטי אליין וועט זי ניט געהאָל־פען ווערען, מען דאַרף פאַרשטעהט איהר מיך איהר עפּעס אונטערשטופּען, יו נאָו?..

בלומענטאַל

אזוי? ווירקליך? איך פאַרשטעה.

ביטרעס שרייט.

דאָרעטשקע! דאָרעטשקע! קום אריין.

דאָרא

מאַכט זיך שוואַך. וואָס דאַרפט איהר מיך?

ביטרעס

מיט מר. בלומענטאַל, מיס דאָרא קויפמאַן. זיי גיבען זיך די הענט.

דייוו
צו ביטריס.
זיי ווי זיינע אויגעלעך ברענען.

דאָרא
איהר וועט מיר ענטשולדיגען וואָס איך בין ניט אין א פרעה־ליכער שטימונג. איך האָב געקראָגען ניט קיין פרעהליכע נאַכריכט פון מיין אָרימען פאפא'ן, ער איז געפערליך.

בלומענטאַל
טאקע ווירקליך?

דאָרא
ווייגענדיג.
ער איז געפערליך קראנק. זיי האָבען דאָרט ניט אויף א טאָג איבערצולעבען, זיי ווענדען זיך צו מיר נאָך הילפע, וואָס זאָל איך טאָן? קיין זאך וואָלט מיר ניט געוועזען שווער, אבי זיי צו רעטען פון נויט. אָבער ענטשולדיגט, ענטשולדיגט איהר זייט א פרעמדער, איהר ברויכט ניט צו וויסען מיינע צרות, אייך אינטערעסירט דאָס ניט.

בלומענטאַל
נעמט איהר ביי דער האַנט.
טאקע ווירקליך? אָבער ניין, גוטעס קינד, איהר זייט זעהר אַן איבערגעגעבען קינד. איך — איך וועל אייך ארויסהעל־פען, איך וועל טאָן פאר אייך. ווי געוויינליך — איהר פאר־שטעהט דאָך.

דייוו
וואָס דען זי פארשטעהט ניט, אין אמעריקע גיט מען ניט קיין געלט אומזיסט, מען באַצאָהלט א פרייז, אָבער סחורה דאַרף מען דאָך קריגען...

דאָרא
איך זעה איהר זייט אַן ערלעער מענש, א מענש מיט א גוט האַרץ, איהר פארשטעהט מיין לאַגע... איך דאַנק אייך.

דייוו
דאָרא, טשיר אַפּ. נעם טרינק צוביסלעך, עפּעס זיינען מיר דאָ צו זאָגען תהלים? חי געלעבט און פארטיג.

בלומענטאל

טאקע ווירקליך.

מען גיסט אן די גלעזלעך.

דייוו

צו דארא'ן. שטיל.

טרינק ניט מיט אמאל, פארהוסט דיך. זיי טרינקען. דארא פארהוסט זיך.

ביטרעס

זי איז ניט צוגעטרייעט, טרינק דארעטשקע, עס ווערט אזוי גוט אויף דעם הארץ.

דארא טרינקט.

טאקע ווארימער געווארען.

דייוו

נאך אמאל דאסזעלבע. גיסט. אלע טרינקען.

ביטרעס

נו, ווי פיהלסטו איצט?

דארא

עס ווערט היים. לאכט.

בלומענטאל

היים? טאקע? ווירקליך? גלעט איהר די האנד.

דארא

באמערקט דעם רינג, נעמט ארונטער פון זיין פינגער.

מיר פאסט אזא רינג? טוט אן אויף איהר פינגער, דערלאנגט איהם די האנט, ער קוש טדי האנט.

ביטרעס

חא־חא, זי האט רעכט, עס ווערט היים, עס ווירקט...

דייוו

דאן נאך אמאל. זיי טרינקען. ביטרעס לאכט שכור'לעך. בלומענטאל לייגט ארויף זיין האנט אויף דארא'ס שולטער. לאכט. חע־חע.

דארא

בויגט זיך צו איהם.

איהר וועט מיר העלפען? מיר העלפען? בלומענטאל נעמט ארויס א פאק בילס, גיט איהר.

דאָרא

דערפאר נאט אייך א קוש. קושט איהם.

דייוו

ביטרעס, ער מיט איהר זיינען שוין פארטיג, נו און דו?

ביטרעס

הע הע, און איך? איך וויל'לעבען, הא־הא, דאָס לעבען רופט מיך, ציהט מיך. אָבער איך בין געבונדען, געבונדען מיט שטריק, איך זעה דאָס לעבען ניט ווייט פון דעם, און דאָך קען איך ניט צוקומען. גיב מיר נאָך א גלעזעל. טרינקט. אָט דאָס איז א מעסער, וואָס שניידט די שטריק, אויסגעטרונקען א גלעזעל איבערגעשניטען א שטריקעל, נאָך א גלעזעל — נאָך א שטריקעל.

וואָס פאר א שטריקלעך, וואָס פאר א מעסער?

ביטרעס

טוט איהם א קלאַפּ.

איך האָב זיך אויסגעלערנט צו פילאָזאָפירען פון דיר, שוין אזוי פיעל יאָהרען ווי איך רייס זיך צום לעבען, דאָס הארץ מיינס האָט געגארט צו געניסען עטוואָס, האָט מען מיך געבונדען, מיט עפענטליכע מיינונג, מיט א מאן מיט פליכטען, א טאטען, א קינד, נו פאר די קליינע שטריקלעך קער איך ניט אָבער אזעלכע גראָבע שטריק, מיין טאטע, מיין קינד, די פליכט צו זיי קען מען ניט פארטרינקען, ניין! ניין!

דייוו

רוקט זיך צו איהר. שעפּטשעט שטיל אין אויער.

ביטרעס

גלעט איהם דאָס פנים. ניין דייוו, ניין דייוו, איך בעט דיך, רייץ מיך נים, איך וויל נים, ניין איך קען ניט, איך האָב געשוואָרען ביי מיין טאטענס עלטער.

דייוו

עט נארישקייטען, א שבועה איז אן איינבילדונג.

בלומענטאל

פרעסט דאָרא'ן צו זיך.

טאקע? ווירקליך?

ביטרעס

חא־חא, האסט געמיינט, אז האסט מיך געמאכט פאר א היינט־וועלטיגע, אבער דייוו איך בעט דיך רעד צו מיר ניט וועגען דעם, האסט טאקע רעכט, איהר הערט מיסטער בלומענטאל, וואס דייוו זאגט?

בלומענטאל

טאקע? ווירקליך?

ביטרעס

דייוו זאגט, אז אויף דער וועלט איז דא טעמפלען פון וויסענשאפט, טעמפלען פון רעליגיאן, טעמפלען פון קונסט, א האספיטאל, זאגט ער, איז א טעמפעל פון טרערען, נו? ווארום זאל ניט זיין א טעמפעל פון לעבען? א טעמפעל פון געניסען?

דארא

גערעכט, גערעכט, זאל איך אזוי לעבען.

ביטרעס

הורא! איך, איך, מיר וועלען גרינדען אזא טעמפעל, קומט איהר אלע ליידענדע, קומט איהר אלע נידערגעשלאגענע, קומט יונגע, אלטע, קומט צו מיר, איך פיהל אייך מיט, איך וויים וואס עס מיינט וועלען לעבען און ניט קענען. נעמט ארום דייוו׳ן.

בלומענטאל

טאקע ווירקליך? לאמיר טרינקען פאר דעם געזונט פון דער גרינדערין פון טעמפעל פון גענוס, הורא! הורא!

דייוו

ביטרעס. פרעסט זי צו זיך. יעצט זעהסטו אז איך האב רעכט, דאס לעבען איז אונזערס, און מיר זאלען טאן, וואס פאר אונז איז בעסער, זיך ניט קימערען וואס יענער וועט זאגען, ווייל עווערי באדים ביזנעס איז נא באדים ביזנעס.

ביטרעס

גערעכט, כ׳לעבען גערעכט. וויל איהם ארומנעמען, שטופט איהם צוריק. ניין! ניין! מיין ליזעטשקע קוקט אויף מיר און בעט זיך ביי מיר. קוק! קוק צייגט אויף דער בילד זי בעט זיך ביי

מיר, „מאמע, לאז מיך ניט איבער, דו נעהסט אוועק צו ווייט פון מיר”, אה נייז מיין ארים קינד, פארשטעהסט מיך ניט, און וועסט מיך ניט פארשטעהן, איך האב דיך ליעב, קען זיך פון דיר ניט שיידען, אבער איך אליין וויל נאך אויך לעבען, בין געלעגען אזא לאנגע צייט אין א פינסטערע תפיסה, און איצט האב איך דאס ליכט דערזעהן און די שיין פון דער זון פארבלענדט מיינע אויגען, איך געה, איך פליה, איך וויים אליין וואו איך וועל פארקריכען. לעבען... ליזעטשקע... פאר־ברייננען... טאטע... געניסען, שבועה. שפארט זיך אין דייוו'ן, בלומענטאל, נעמט דארא'ן אויף די הענט, קושען זיך.

שמואל ערשיינט מיט א טעלעגראמע. בלייבט שטעהן ערשטוינט.

שמואל

צוטומעלט.

ברכה, אט האב איך... וואס איז דאס? רייבט זיך ד יאויגען. ווער איז דער? ציינט אויף בלומענטאל'ן. וואס, וואס טוט זיך דא? וואס שווייגסטו? וואס באדייטעט דאס?

בלומענטאל

העי מיסטער, עס איז דא א טעמפעל, א טעמפעל פון לעבען, פון געניסען, ברענגט ארויף עמיצען און לעבט א גוטען טאג. חא־חא, א יא טאקע? ווירקליך?

שמואל

לויפט צו ברכה'ן, טרייסעלט זי.

זאג, וואס שווייגסטו? וואס פאר א הויז איז דאס ביי מיר? א קלייזעל? רעד, זאג איך דיר.

ביטרעס

שטופט איהם אפ.

וואס ווילסטו, איך טאר זיך ניט פארברייננען, טאר איך זיך ניט, איך וויל לעבען, וויל לעבען.

שמואל

טרייב זיי ארויס פון דאנען, וואס האסטו געמאכט פון מיין הויז? אהער ווילסטו בריינגען מיין ליזעטשקען? מיין קינד, אין א הויז פון שמוץ און זנות, איך וועל דיך דערשטיקען, דערווארגען, ווי א הונט וועל איך דיך צוטרעטען, דו הערסט!

בלומענטאל

טאקע? ווירקליך? איז דאטס אלל?

שמואל

טוט איהם א ווארף.

ארויס דו אלטער שארלאטאן, ארויס פון דאנעט, איך צו־שפאלט דיר דעם קאפ.

בלומענטאל

לאזט זיך לויפען. לעבען דער טיר.

העי מיסטער, איהר דיינקט אז מען האט מורא פאר אייך.

פארשווינדט. שמואל ווארפט איהם נאך די העט.

שמואל

און ער וואס איז דא? ער ציינט אויף דייוו'ן דיין מענע־דזשער, א צווייטער גימנאזיסט? ארויס פון מיין הויז צו דארא'ן דו שמוציגע בריאה, אוועק פון דאנעט.

ביטרעס

וואס מיינסטו דו טרייבסט זיי? ווער וועט צאהלען דעם רענט? פון דיינע פארדיענסטען? מיר וואלטען שוין ניט איין מאל געשטאנען אין דרויסען ווען ניט זיי.

שמואל

אזוי? קענסט ניט וואוינען אין א בייסמענט? פאלאצען דארפסטו? און צוליב דיינע פאלאצען באצאהלסטו מיט דיין עהרע! פארשמוצט מיין ליזעטשקעס נאמען, פארשווארצט דיין אלטען טאטען, העלפסט מיר מיט געלט פון שמוץ? איך וועל דיך... טוט זי א כאפ ביים גארגעל, ווארגט, טופעט מיט די פיס. אן ענדע וועל איך מאכען, מיין ליזעטשקע טאר אזא מאמע ניט האבען, אן ענדע, אן ענדע!

דייוו

נעמט איהם ביים שולטער, טוט איהם א שלעפ.

העי, דו אלטער גלעזערוק, דו מיינסט אז איך בין דיר יענער לעקיש, איך צוברעך דיר די ביינער, ווער דארף דיך דא? קענסט זיך געהן, אויב דו גלייכסט דאס ניט. שטעלט זיך לע־בען ביטרעס.

ביטרעס

דייוו, מיש זיך ניט, זאָל ער וואַרגען, זאָל ער טאָן וואָס ער וויל, וואָס איז מיין לעבען? וואָס האָב איך פון דעם? אַ פינסטער וויסט פאַרשוואַרצט לעבען, גו וואַרג, טו וואָס דו ווילסט, מען האָט מיך פאַרקויפט צו דיר, דו קענסט טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט, טו! טו!

שמואל

מיין ליזעטשקע זאָל אַריין אין אַזא הויז? ווי אַזוי וועט זי דאָס איבערטראָגען? טרייב זיי אַרויס, טרייב זיי אַרויס, אַז ניט וועל איך...

דייוו

ציינט אַ קולאַק.

האָלד יור האָרסעס, מיסטער. טאָמער טוסטו איהר אַ ריהר צוקערדאַשע איך דיך אויף שטיקלעך.

שמואל

ניט דיך, — זיך זעלבסט.

ביטרעס

וועסט דאָס ניט טאָן? וועסט מיך ניט וועלען באַפרייען.

שמואל

וועסט זיך באַלד ביי מיר וויצלען, וועסט לאַכען מיט יאַש־טשערקעס, איך וועל זיך דורך דער ווינדאָו אַרויסוואַרפען.

דייוו

עפענט דאָס פענסטער.

איי וואוד לייק טו סי איט, אַנו ציינ נאָר וואָס דו קענסט?

שמואל גיעהט צו דעם פענסטער, קוקט אַרונטער, אַלע וואַטשען. ער קערט זיך אָפּ צוריק. דאָרא און דייוו לאַכען, רייצען זיך.

שמואל

אָט דאָס איז מיין פרעהליכער מאָמענט, אין דער צייט וואָס איך האָב געדיינקט אַז איך בין דער גליקליכסטער, אין דעם מאָמענט וואָס איך האָב ערהאַלטען דיזע טעלעגראַמע, אַז לי־זעטשקע קומט.

ביטרעס

וואָס!? *ציינ אהער. רייסט די טעלעגראַמע.* מיין ליזעטש־

קע! מיין קינד! איז דאָס אמת... לעז דו דייוו, איך זעה נאַרניט, עס שווינדעלט מיר אין די אויגען. לעז שנעלער, מיין קינד!

שמואל

יע, דיין קינד? ניין מיין קינד, זי טאָר אזא מאמע ניט האָבען. צו דער פיקטשער. אָרים קינד מיינס, מיין לעבען וואָלט איך געגעבען אום דיך צו זעהן, אבער דיך זעהן אין די אָרעמס פון דיזער פרוי קען איך ניט און וויל ניט. דיר דערציילען? דאן וועל איך דאָך דיר שרעקליכע שמערצען פארשאפען מיט אזוי פיעל שאנדע, ניין איך וויל דאָס ניט דערלעבען, אן ענדע וועל איך מאכען. און דו! דו צו ביטרעס וועסט עטפערען פאר מיין טויט. הערסט! לאָזט זיך לויפען.

ביטרעס

כיכטערט זיך אויס. כאַפּט איהם אָן.

שמואל! שמואל! וואָס טוסטו? וואָס געהסטו טאָן? אונזער קינד קומט דאָך. קום מיר וועלען פאַהרען זי ברענגען.

שמואל

רייסט זיך.

ניין! ניין! פיהל אויך דאָס וואָס איך פיהל. פארשווינדט מיט אימפעט.

ביטרעס

צוטומעלט. לויפט אָרום.

וואָס וועל איך איצט טאָן? ווער ווייסט וואָס עס וועט פאַסירען? וואָס וועל איך זאָגען מיין קינד, מיין קינד. וויינט, שלאָגט זיך אין קאָפּ. וואָס האָב איך געטאָן!

דייוו

איי מאך זיך ניט נאריש, עס וועט גאָר ניט פאסירען, ער וועט זיך אָפּקיהלען און וועט קומען צוריק, און ער וועט איהר נאַרניט זאָגען, ער וועט איהר קיין שמערצען ניט פארשאַפען. דו פאָהר אליין, וועסט איהר זאָגען, אז ער איז זעהר ביזי און זאָלסט זיך באהערשען, אז זי זאָל גאַרניט באמערקען.

ביטרעס

וואָס וועט יעצט זיין מיין אומגליק? וואָס וועל איך טאָן?

דייוו

קאם אן, איך וועל דיך אונטערפיהרען ביז צו דער טריין. איך וועל שוין צוקלערן א פלאן, ליוו איט טו מי. קאם אן, דרעס יורסעלף. און דו דארא קער אוים, פיקס אויף די הויז, גלייך ווי גאר ניט איז געוועזען. ביידע אפ.

דארא

דארא קערט אוים. פיקסט אויף. א קלאפ אין טיר.

קאם אין!

גענענדיל

ערשיינט.

גאט העלף אייך, וואו איז ערגעץ ברכה? איך מיין מרס. ברענער.

דארא

זי איז אוועקגעפאהרען אפנעמען איהר ליזעטשקע און איהר פאטער.

גענענדיל

טאקע? וואס רעדט איהר? אוי מיין אלטער, דאכט זיך אזוי פיעל מגפות און איהם נעמט דאס גארניט.

דארא

וואס האט איהר צו איהם? וואס האט ער געטאן?

גענענדיל

וואס הייסט וואס? ער קומט צו לויפען, ניט טויט ניט לעבעדיג, „גענענדיל, לויף שנעל צו ברכה'ן, איך האב באגעגענט ביטרעס האט זי מיר געזאגט, אז, אז... זאג איך, אז וואס? זאג שנעלער, איך האב פארגעסען, ענטפערט ער, איך וויים נאר, אז עס איז זעהר נויטיג און לאז וויסען אונזער יאשע'ן, ער זאל גלייך קומען, איך האב געכאפט עפעס אויף זיך אפילו זיך ניט פארקעמט. איך וויים, פיליכט עפעס אן עקסידענט אדער פיליכט מאכט זיך א ברית, עס איז דאך עפעס אמעריקא.

דארא

לאכט.

ניין, דערווייל נאך ניט.

יוסף אלי

לויפט אריין מיט אן איפעקט.

גענענדיל, איך האב זיך דערמאנט און גלייך געלאזט וויפען אונזער יאשען, ער קומט גלייך, דו ווייסט וואס? שטאפעלט.

גענענדיל

וואס? דאכט זיך, אז האסט שוין ווידער פארגעסען, איך דערקען אין דיינע אויגעלעך.

יוסף אלי שטיל.

כ׳לעבען גערעכט. אז, אז אבער זי האט דאך דיר מן הסתם געזאגט.

דארא

איהר ווייסט איהר האט נאך עפעס פארגעסען?

יוסף אלי

איך? עט עס קען ניט זיין. וואס א שטייגער?

דארא

אנקלאפען אין טיר בעפאר איהר זייט אריינגעקומען.

יוסף אלי

ווירקליך? אבער וואס מאכט דאס, דאכט זיך, אז איהר האט ניט קיין מורא ווי אזוי מען זאל אייך ניט טרעפען. שמייכעלט און ווינקט מיט אן אויג.

דארא

ווייזט אויס, אז ניט אלעס פארגעסט איהר?

יוסף אלי

עס געוועגדט זיך וואס.

גענענדיל

מיך ארט דען? נאר פארוואס פארגעסט ער ניט צו לעבען, א מענש זאל אלעס פארגעסען.

דארא

ווי איך פארשטעה זייט איהר ניט שטארק צופרידען מיט אייער מאנ׳ס זכרון?

גענענדיל

איך קען אייך אלעס ניט דערציילען, עס פאסט ניט צו ריידען פאר א מיידעל.

יוסף אלי

אָה זי איז גראָד אזא מיידעל, וואָס פּאסט יאָ.

גענענדיל

איך שעם זיך, אָבער איך מוז דאָס זאָגען, אז איך מוז אוועק־שטעלען די בענשליכט אין בעד רום, ווייל א ניט פארגעסט ער אז עס איז פרייטאָג ביינאכט...

דאָרא

אָה, אזוי גאָר. לאָכט געשמאַק.

יוסף אלי

אָה דאָס איז די געשיכטע? אויב אזוי האָב איך מורא, אז דו האסט א פּאָר מאָל אָנגעצונדען די ליכט אין מיטען מיטוואָך...

א קלאַפּ אין טיר.

יאַשא

ערשיינט.

העלאָ עוורי באדי!

דאָרא

כאַפּט מאַכט זיך צורעכט די האָר.

העלאָ, איהר וועט ענטשולדיגען מיין אויסזעהן, מען איז דאָך עפּעס ביזי צוליעב די געסט.

יאַשא

איהר זייט ענטשולדיגט. זיי זיינען נאָך ניטאָ?

דאָרא

איך דיינק, אז זיי וועלען באלד קומען, מיר ערוואַרטען זיי יעדע מינוט, זיצט. דערלאַנגט א טשער.

יאַשא

טהענק יו! זעצט זיך. מאמע, ווארום האָסטו זיך ניט אָנ־געטאָן?

גענענדיל

פרעג איהם, ער האָט דאָך פארגעסען צו זאָגען, אז זיי קומען.

יאַשא

אימער האָסטו טענות צום טאטען. פּליעז, מוטער, היינט פאר־גיב איהם אלעס.

יוסף אלי
קלאַפּט זיך אין האַרצן.
„סלח לנו, מחל לנו, כפר לנו".

דייוו
ערשווינגט.
העלא עוורי באדי! אלע לאנדסלייט זיינען געקומען.

דאַרא
דייוו, איצט זייט איהר מיט די געסט, איך געה זיך איבער־
טאָן. אַפּ.

יאשא
איך בין אזוי אומגעדולדיג, אָה ווי איך וואָלט זי שוין וועלען
זעהן, זי מוז שוין זיין א גאנצע באַרישנע.

דייוו
ווי עס צייגט זייט איהר שטארק פאראינטערעסירט אין איהר.

יוסף אלי
דאָך אויסגעוואַקסען צוזאַמען.

יאשא
יעדער קען זיין פאראינטערעסירט, ווער נאָר עס קען זי, זי
איז אזא גוטינקע, שטילענקע, נאאיווע, אונשולדיג קינד.

גענענדיל
אין גאנצען געראָטען אין טאטען, ניט אזא פויגעל ווי...

יאשא
מא! וואָס איז דער מעהר מיט דיר!

דייוו
קוקט אין פענסטער.
אָט געהען זיי. אַלע שטופּען זיך צום פענסטער. אָה ווי שעהן
זי איז, איך געה זיך איבערטאָן. אַפּ.

יאשא
איך וועל זיך באהאַלטען. שטעלט זיך אונטערן קוירטען.
ערשווינען ביטרעס, ליזע און יחיאל מיט פעקלעך.

ליזע
כאַפּט ארום גענענדיל. קושט זי.
וואָס מאכט איהר עפּעס, און איהר ר' יוסף אלי. דריקט איהם

די האַנט. איך פיהל היינט אזוי גוט, ווען איך שעהם זיך ניט וואָלט איך אלעמען געקושט. דיזעלבע גנענדיל, דערזעלבער יוסף אלי, איהר האָט זיך גאָרניט געענדערט.

מען גיט שלום ר׳ יחיאל׳ן.

יחיאל זעצט זיך.

איך בין זעהר מיד, גאָטעניו איך דאנק דיר. איבערגעקומען בשלום דעם וועג און צוריק צוזאמען מיט מיינע קינדערלעך.

ליזע

כאַפּט אַרום די מוטער.

מאמע טייערע, וואו איז ערגעץ דער פּאפּאשע. איך בין ברוגז, ער ווייסט אז איך דארף קומען מעג ער היינט ניט ארבייטען.

יחיאל

מיר איז טאקע אויך א וואונדער.

ביטרעס

פּרעסט זי. שטיקט זיך מיט טרערען.

ער, ער וועט באלד קומען.

ליזע

מאמע, ווארום וויינסטו? איך בין דאָך אזוי גליקליך. נעמט אַרום יחיאל׳ען. זיידעניו נו! איצט, איצט זיינען מיר אלע אין פרייען לאנד, געדענקסט ווי איך האָב געזאָגט, אז זיי פאָהרען אויף דעם יריד, יעצט זיינען מיר אויך אויף דעמזעלבען יריד. דיזוו ערשיינט. ערשטוינט.

ביטרעס

ליזעטשקע, דאָס איז אונזערער א גוטער פריינד און דאָס איז מיין טאָכטער.

ליזע גיט די האַנט.

אַטשין פריאטנע. איהר זעהט גראדע אוים צו זיין א בייזער, דאָך אז איהר זייט מיין פּאפּעס און מיין מאמעס פריינד, דאן זייט איהר אויך מיין פריינד, און דאָס איז מיין זיידעניו.

דזיון

איך האָף, אז מיר וועלען פארבלייבען גוטע פריינד. גיט יחיאל׳ען שלום.

דאָרא

ערשוינט.

דאָס זייט איהר ליזעטשקע, פון וועלכע אייער מוטער האָט אימער גערעדט. קושען זיך. ביטרעס קוקט בייז.

ביטרעס

זעץ זיך ליזעטשקע און כאַפּ עפּעס איבער. זעצט זיך. יחיאל עסט אַ באַנאַנאַ ניט געשיילט. אַלע לאַכען.

ליזע

און וואו איז ערגעץ אייער יאשע? האָט ער ניט געוואוסט, אז איך קום היינט?

יוסף אלי

געוויס ווייסט ער, אָבער וואָס האָט ער זיך צו איילען, מיר וועלען איהם שוין אלעס דערציילען פון דיר.

ליזע

יאָ, ער האָט געוואוסט? דאן גריסט איהם פון מיינעטוועגען. ער מוז שוין זיין א גאנצער קאוואליער.

יוסף אלי

וואָס הייסט? זאָלסט זעהן די שעהנע מיידלעך וואָס שרכ'ענען זיך צו איהם.

ליזע

זיפצט.

זאָל זיין מיט מזל. שפּארט זיך אָן פארטראַכט.

יחיאל

וואָס ביזטו עפּעס אזוי פארטראכט?

ליזע

וואָס מיין פּאפּא איז נאָך ניטאָ.

יאשא

גיהט שטיל. פארשטעלט איהר די אויגען מיט ביידע הענט.

ליזע

כאַפּט זיך אויף.

י א ש ע!

יאשא

ל י ז ע ט ש ק ע!

דאָרא

איהר פּענט זיך צופּושען. טאַפּט מיט די הענט, פּאַרקוקט זיך, זיי קושען זיך.

ביטוריס

דאָרע!

דאָרא

זאָלען זיי. עס איז מיין בעסטער פּלעזשור צו זעהן יונגע קינדער גליקליך.

מען קלאַפּט צווייטן מאָל. ביטריס ווערט בלאַס. כאַפּט זיך ביים האַרצען, קוקט צו דייוו'ן מיט געבעט.

דייווו

אָה דאָס מוז זיין מיין קאָזין. איך וויל היינט ניט אויפנעמען קיינע פרעמדע, מיר האָבען אַזעלכע טייערע געסט. ביטריס שמייכעלט צופרידען. דייוו עפענט די טיר. רעדט שטיל, קומט צוריק.

ליזע

זעט זיך יאשע לעבען מיר. זעצען זיך. א גאנצען וועג גע־טראכט, געהאט אזוי פיעל, צייגט מיט די הענט, אזוי פיעל אויסצופרעגען, און יעצט גאָרניט ריידען, גאָרניט זאָגען. דו יאשע דערצייל פון דעם נייעם פרייען לאַנד.

יחזיאל

אוי, קינדערלעך, האָבען מיר זיך אָנגעליטען, צרות, הונגער, נויט און קעלט, אָה די שרעקליכע צייט וואָס דער איד ליידט יעצט, הפקר איז ער אומעטום, מען טוט איהם וואָס מען וויל, און קיינער קימערט זיך נימ וועגען איהם.

ליזע

כאַפּט איהם אַרום.

זיידעניו, רעד ניט יעצט וועגען דעם, מיר זייגען יעצט צוזאַ־מען אין פרייען לאַנד, צוזאַמען מיט מיין מוטער און מיט...

וואו איז ערגעץ מיין פּאפּא ? מיין שמחה איז ניט פּארפולט, איך דאַרף איהם יעצט מאַ ! קוקט איהר שאַרף אין די אויגען. מאַ ! וואו איז מיין פּאפּא ?

ביטרעס

לאזט ארונטער די אויגען.

ער וועט מן הסתם באלד קומען.

ליזע מיט טרערען.

דריי טעג און דריי נעכט בין איך געלעגען אין א קעלער באַהאלטען, האב געהערט דאס פייפען און געשרייען פון די פוילישע מערדער, מיין בעסטע חבר'טע האבען זיי איר פער.. מאכט צו די אויגען. און נאכהער געשניטען איהרע אברים און געוואָרפען אין גאס, מיט ניסים האב איך זיך אויסגערעטעט פון דעם. איך וויין פאר פרייד, פאר שמחה, עס איז פרעהליכע טרערען, זיידעניו! מאמעניו! מיר זיינען איצט צוזאמען, האבען מעהר קיין מורא פאר פאגראמען, קענען געהן שלאפען רוהיג, ניט מורא האבען פאר קיינעם, נאר מיין פאפאניו? איך בין גליקליך, איבערגליקליך, איך וואלט יעצט קושען די גאנצע וועלט. חאפט ארום יחיאל'ן. קוש מיך זיידעניו, שטארק, שטארקער! מאמעניו, נעמט זי ארום. גליקליך, גליקליך מיר פייערען אונזער באפרייאונג ארויס פון דעם גלות.

יחיאל

יע מיין קינד, מיין טייערע, א צווייטע יציאת מצרים.

עס דערהערט זיך א פאל. אלע לויפען צו דער טיר, ברעכען אויף, שמואל ליגט א פאר'חליש.טער פון געז. מען טראגט איהם ארויס, זעצט איהם אויף א שטול. מען צועפענט די פענסטער. עס שטעקט ארויס א בריוו פון זיין קעשענע. דיוויד נעמט ארויס און באהאלט איהם.

ליזע

פאלט צו צו איהם.

מאטעניו! טאטעניו!

ביטרעס

שמואל, שמואל, וואס איז געשעהן?

דייוויד

ער האט ווייזט אויס זיך צוגעלעגט און פארגעסען "איינדרעהען די געז.

ליזע

גלעט איהם, קושט איהם.

טאטעניו, טאטע! דערקענסטו מיך ניט? דיין ליזעטשקע! דיין קינד! רעד צו מיר, איין וואָרט, נאָר איין וואָרט, זאָג מיר עפּעס. אַלע וויינען. טאטעניו, ווילסטו מיך ניט קענען? דער ביטערער שיקזאל פאַרפאָלגט מיך דאָ אויך, איך בעט דיך, איך בעט דיך. טרייסעלט איהם. לאָז מיך ניט איבער, רעד! זאָג!

שמואל

עפענט די אויגען.

אָה! אָה! אָה!

ליזע

טאטע! טאטע! דערקען מיך, עס איז איך, איך דיין קינד.

שמואל

וואַרפט דעם קאָפּ אויף איהר און שרייט.

אָה אָה! אָה! אָה!

פאָרהאַנג.

דריטער אקט

עס שטעלט פאר דאסזעלבע צימער ווי אין צווייטען אקט. אין דער־פריה.

ביטרעס

גרייט צו ברעקפעסט. א קלאפ אין טיר.

קאם היין!

דארא

ערשיינט.

גוד מארנינג, ביטרים!

ביטרעס

גוד מארנינ, ! ווי קומסטו אזוי פריה דא? וואס האט דיך געבראכט אהער, דארא?

דארא

ציטערט.

ביטרים, איך בין אייך געקומען ווארנען, אז אייער ליזעטשקע שטעהט פאר א געפאהר,

ביטרעס

דערשראקקען.

וואס מיינסטו? וואס פאר א געפאהר?

דארא

אבער דייוו טאר ניט וויסען, אז עס קומט פון מיר.

ביטרעס

אבער זאג שוין וואס, שנעלער. נעם מיר ניט ארויס די נשמה.

דארא

צו וואס זאלען מיר זיך נארען. איהר ווייסט, אז דייוו מיט זיין נארישער פילאזאפיע, מיט דעם וועלען זיך אננעמען די קריוודע פון די ארביימער, פראלעטאריאט, או זא ווייטער, — דאס איז בלויז א מיטעל, ווי אזוי שנעלער ארייננצו־כאפען אין זיין נעץ. אבער ווייטער איז א רעגעלער פימפ,

ער זינקט וואָס אַ טאָג ווייטער. און לאָמיר איך זאָגען, אַז אַ געמאַכטע מכשפה איז פיעל שעדליכער ווי אַ געבוירענע.

ביטרעס

איך בעט דיך דאָרא, רעד אָהן הקדמות. וואָס פאַר אַ תכשיט דייוו איז, ווייס איך זעלבסט. רעד וועגען מיין קינד, זאָג!

דאָרא

האָט דאָס מיין איך טאָקע, ער האָט געוואָרפען אַן אויג אויף אייער ליזעטשקע, אַ גלאַט צינגעל האָט ער, און עס איז איהם געלונגען צו ווערען אַ גוטער ברודער מיט איהר, און נעכטען האָט ער דערצעהלט פאַר בענען, אַז ער פּלאַנעוועט זי היינט אויסנעמען אין טשיינ־טאַון, און האָט דערביי געלאַכט מיט אַזאַ פרעכען טאָן... איך קאָן שוין זיין גע־לעכטער, איך ווייס וואָס דאָס מיינט, ביטרים! טוט אַלעס, דערלאָזט ניט, אַז זי זאָל געהן מיט איהם, ווייל ער וועט זי אומגליקליך מאַכען, ער וועט זי...

ביטרעס

ברעכט די הענד

אוי, אַ בראָך איז צו מיר, ווי אַזוי האַנדעלט מען יעצט? די גאַנצע צייט האָב איך ניט געגליכען, וואָס זי פאַרהאַלט זיך אַזוי פריינדליך צו איהם. איך האָב ניט געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרפּויזענען איהרע געדאַנקען, אָבער זי איז דאָך ניט שולדיג, איך האָב דאָך געמוזט איהם מאַכען פאַר אַ לייטי־שען מענש ביי איהר אין די אויגען. אָרים קינד מיינס! איך האָב איהר דערצעהלט, אַז ער האָט אַן עמפּלאָימענט ביורא, וואו ער שטעלט צו דינסטמיידלאַך אין רייכע הייזער. איך העלף איהם ארויס און ער צאָהלט מיט ניט אַזוי פיעל צוליעב מיינע פאַרדיענסטען, נאָר אַלס מיטלייד זינט איהר פאָטער איז פאַראַליזירט געוואָרען. און זי דענקט פון איהם גאָר אַ וועלט, זי איז איהם זעהר דאַנקבאַר דאַפיר. היינט ווי אַזוי רעדט מען איהר אָפּ ניט צו געהן מיט איהם?

דאָרא

איהר מוזט עפּעס טאָן, שוין באַלד, ווייל אויב עס געלינגט איהם היינט, וועט שוין זיין צו שפּעט. איך וואָלט אייך גע־

ראטען זיך זעהען מיט יאשען, אז ער זאל זי היינט צונעמען פאר דעם גאנצען טאג.

ביטרעס

יענער איז אויך עפעס א צוטראגענער מלאך, אימער פאר־נומען מיט זיין שטודירען, און מיט געבען לעסאנס. ווען ער זאל זיין עפעס אנאנדער באי, וואלט זי קיינמאל ניט געווארען קיין גומער ברודער מיט איהם.

דארא

רעדט ניט אזוי, ביטרים, אזא יאהר אויף מיר, וואס פאר א באי ער איז. ווייסט איהר וואס, איך וועל איהם געהן רופען, זאגען אז איהר דארפט איהם, און אויף'ן וועג וועל איך טרייען מאכען דזשעלאס.

ביטרעס

דזשעלאס? ניין, איך וויל ניט ער זאל איהר פארשאפען שמערצען.

דארא

נא! איך וועל איהם געבען אנצוהערען אזוי לייכט, גאר לייכט, אז ער זאל ניט זיין זיכער מיט זיין פעסטונג, איך וועל איהם זאגען ער זאל זיך היטען פאר דעם שונא, פאר שטעהט?

ביטרעס

און אז ער וועט קומען, וואס זאל איך איהם זאגען?

דארא

איי, ביטרים, איהר האט דאך גאר פארלארען דעם קאפ! הא, קאמאן, איהר וועט שוין וויסען וואס צו זאגען. ביטרים קאפ האט נאך ניט אויסגעטרוקענט. אז איהר האט געקאנט אזוי גלאט ארונטערקוועטשען די געשיכטע מיט דעם אלטען, וועט שוין דא אויך מיטגעהן. זאל איך געהן?

ביטרעס

יע, געה, דארעטשקע, איך וועל דיר דאס קיינמאל ניט פאר־געסען. איך וועל זיך פארבעריייטען, איך וועל קעמפען ביז'ן לעצטען, און מיין טייערע ליזעטשקע זאל חלילה קיין בייז ניט שאדען, ארים קינד מיינס, ברעכט די הענט, וויינט, שפארט

זיך אַן אין דאָרען. זי האָט רעכט, זי זאָגט: „דער שיקזאַל פאַרפאָלגט איהר“. איהר אייגענע מוטער האָט איהר פאַר־בערייטעט צרות אויף צרות. ווער ווייס מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען. איך האָב מורא, אז זי וועט דאָס חלילה ניט איבערטראָגען. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

דאָרא

ווישט זיך די אויגען.

האָ, קאַמאָן, ביטריס, טשיר אַפ! נאָר זיך ניט פאַרלוירען. איי עם גאָאינג. זאָל דייוו ניט וויסען, אז איך בין דאָ געווען. גוד ביי!

ביטרעס

גוד ביי, דאָרעמשקע. באַגלייט זי.

יחיאל

ערשיינט און שרייט.

ברכה! ברכה! וואו ביזטו?

ביטרעס

פון דער צווייטער זייט טיר.

אַט קום איך, טאַטעניו, מיט דיין גלעזעל טהע. ערשיינט מיט טהע. גוד מאָרנינג, טאַטעניו, ביזטו גוט געשלאָפען?

יחיאל

גוט יאָהר דיר, טאָכטער. זעצט זיך טרינקען.

ביטרעס

פאַפאַ, איך האָב דיר געפרעגט צי דו ביזט גוט געשלאָפען?

יחיאל

ניין, און ווייסטו וואָרום, איך האָב אָנגעהויבען צו צווייפלען אין אַמעריקאַנער כשרות.

ביטרעס

טאַטעניו, האָסט גאָר ניט וואָס מורא צו האָבען. ביי מיר איז אַ כשר הויז מיט אַלע פישטשעפקעס.

יחיאל

טוט זי אַ גלעט.

גאָה, מיין קינד. וואָס הייסט? איך טראַכט חלילה עפעס

איפּער וועגען דיר? חלילה, איך וויים, אַז דו ביזט אַ כּשרה אידישע טאָכטער. איך מיין אין אַלגעמיין.

ביטרעס

וואָס עפּעס פּלוצלינג?

יחיאל

שטעל זיך פאָר, אַז איך געה נעכטען דורך אַ פליישׁ גע־שעפט, שטעהט בּפרוש אָנגעשריבּען בשר כשר, מיט דער השגחה פון דעם גרעסטען רב, און אין פענסטער איז זיך געלעגען אַ גאַנץ שעהן חזר'ל. מיינסטו אפשר, אַז איך בין ניט אריינגעגאַנגען פרעגען?

ביטרעס

טאַקע, טאַטעניו? אין אמעריקא טאָר מען זיך ניט מישען.

יחיאל

וויים איך וואָס, איך בין מיר אריין צו איהם און זאָג: „מיסטער לעבען, קאָנט איהר מיר ניט זאָגען צו דאָס חזר'ל איז אַ העֶר אָדער אַ זי“? ער קוקט מיך אָן און פרעגט: „געגען וואָס דאַרפט איהר דאָס וויסען?“ גאָר פשוט, זאָג איך איהם: איז דאָס אַ „ער“, דאַן זאָל קומען אַ פייער אויף אייך מיט אייער כּשרות מיט איהם צוזאַמען, און אויב עס איז אַ „זי“, זאָל קומען אַ פייער אויף אייך מיט איהר צוזאַ־מען. איך האָב אַ שפּיי געטאָן און אוועק.

ביטרעס

טאַטע, ביזט ארוים גליקליך, ער וואָלט דיך געקאָנט שלאָגען.

יחיאל

אַ נאַר בין איך און וואַרטען, איך האָב נאָכגעטאָן מיין זיידען יעקב אבינו: אויב עס האַלט ביי קלעפּ — געכאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און געמאַכט פּליטה. עס הערט זיך דאָס בּלאָ־זען פון האָרנס. יע, ברכה, וואָס בּלאָזט מען עפּעס שופר די לעצטע צייט אין אמעריקא?

ביטרעס

לאַכט.

האַ, דו מיינסט וואָס מען בּלאָזט אין האָרנס? עס איז ניט קיין שופר. עס איז בעפאָר עלעקשאָן. מען דאַרף אויסקלייבען

א טבערנאַטאַר און נאָך אַזעלכע, בלאָז מען אום מען זאָל פארטומלען דעם עולם דעם קאָפּ, און ער זאָל ניט שטימען פאַר דעם ריכטיגען.

יחיאל

אַמעריקא גנב, צו אַלעם האָט דאָס א מיטעל. יא, און ליי־זעטשקע און שמואל זיינען נאָך ניטאָ?

ביטרעס

ווייסט דאָך, זיי נעמען א לאַנגען שפּאַציר יעדען פריהמאָר־גען, עס איז געזונד פאר איהם. הא, אומגליקליכער נעבעך!

יחיאל

יע, מיינסט דאָס? איז דאָס טאַקע ווירקליך, אָדער בלויז פאַר רחמנות?

ביטרעס

טאַטע, וואָרום פרעגסטו אזוי?

יחיאל

נאָ, ענטשולדיג מיר, טאָכטערשע, דו ווייסט, די גאַנצע צייט פון אומגליק האָט מיר א שרעקליכער געדאַנק באאונרוהיגט, אָבער ענטשולדיג, ענטשולדיג, ביזט מיר יעצט טייערער און ליבער געוואָרען, האָסט געהאַלטען מיין שבועה, איך דאַנק דיר, איך דאַנק דיר. קושט איהר אין דעם שטערען. האָסט מיך בארוהיגט.

ביטרעס

ווישט זיך די אויגען.

גערוים, טאַטעניו, גערוים.

יחיאל

יעצט נעם איך דעם טלית און תפילין, נעמט, און איך געה אין שוהל, אָבער איך געה ניט מעהר מיט דערזעלבער גאַס, וויל איך האָב מורא פאַר דעם חזיר, ניט דעם געקוילעטען, נאָר דעם לעבעדיגען. אָפּ. ביטרים פיקסט זיך די האָר. א קלאַפּ אין ציר. קאַם הין!

דייזון

יערשיינט.

גוּד מאָרנינג, ביטרים!

ביטרעס

ביט אַ געמאַכטע רוהיגקייט.

גוד מאָרנינג! אַזוי פריה, דייוו?

דייוו

דאָרא איז דאָ ניט געוועזען? קוקט איהר אָן אין די אויגען.

ביטרעס

נאָ. וואָס איז דען? וואָס האָט זי דאָ געהאַט צו טאָן?

דייוו

גאָרניט. איך האָב גלאַט געוואָלט וויסען. ווי איז ערגעץ ליזעטשקע?

ביטרעס

מיין ליזעטשקע כאַפּט אַ וואָק מיט איהר פאַטער. נעגען וואָס דאַרפסטו זי?

דייוו

וועל, איך ווילזי היינט אויסנעמען פאַר אַ גוד טיים, יו נאָ.

ביטרעס

איך בעט דיך, טשעפּע ניט מיין קינד, זי איז אַלעס וואָס איך פאַרמאָג אין דיזער גרויסער וועלט. זי איז דאָס איינ-ציגע אין מיין גאַנצען לעבען מיט וועלכען איך קאָן שטאָל-צירען. זי איז מיין פאַרמעגען, מיין שטאָלץ, מיין לעבען, אַלעס, אַלעס. זי קאָן איך ניט און טאָר ניט פאַרלירען, ניין!

דייוו

טו נאָר אַ קוק, וויפיעל ווערטער? וואָס פאַר אַ חתונה? גאָד מיי גאָד! איך טאָר זי ניט נעמען פאַר אַ דינער? זי איז דיין טאָכטער און דו ביזט מיין פּאַרטנערקע, און איך וויל ספּענדען אַ פּאָר דאָלאַר אויף איהר, איי עם עי ספּאָרט, יו נאָ, מר. רעיש? עפּעס וועל איך געהן מיט איהר אין אַ וואָלד? איך געה אין אַ פּלאַץ וואו עס עסען טויזענדער מענשען, און ווידער קענסטו זיך אויף איהר פאַרלאָזען. זי איז ניט קיין איבערגעשראָקענע בייבע.

ביטרעס

אָבער ווער דאַרף דאָס? זי קערט ניט פאַר דעם, זי וויל ניט געהן, זי דאַרף ניט געהן, און וועט ניט געהן.

דייוו

האַ! זעהסטו, אַזוי האָב איך שוין פיינט. דו ווייסט, אַז איך האָב פיינט באַסעווען. אַז דו זאָגסט „זי וועט ניט געהן“, דאַן זאָג איך דיר, אַז זי וועט גראַד יאָ געהן. און איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט זיך מישען, און ווען יע, ווייסטו וואָס ס'וועט געשעהען?

ביטרעס

דייוו, זי וועט ניט געהן. איך קען דיך און איך ווייס דיינע געדאַנקען. אָבער איך זאָג דיר, אַז דאָס מאָל וועסטו ניט אויספיהרען, זי וועט ניט געהן, ניין! איך וועל ניט דערלאָזען!

דייוו

עס רעדט זיך נאָר אַזוי. איך האָב אויך אַ דעה.

ביטרעס

דייוו, דו ווייסט ניט די נשמה פון אַ מאַמען. זעהסטו אַט דיזע שוואַכע פרוי, ווען עס קומט אָבער דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען איהר קינד, צו פּראָטעקטען איהר קינד, דאַן איז אַז האַק און וועה צו דעם יעניגען, וואָס שטעלט זיך אַקעגען. ווי אַ טיגערין קעמפט זי, איך וועל אַלעס פאַרניכטען, מיך דיך און אויב נויטיג — זי אַליין. אָבער דיר אין די הענד אריין ניט איבערגעבען, דו הערסט, איך וועל דיר צערייסען אויף צווייען, און דיינע שמוציגע הענד וועסטו ניט ארויפלייגען.

דייוו

אַזוי גאָר, אַזאַ קנאַקערין ביזטו געוואָרען? אָבער אַזוי ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס וועט מיר היינט צונויף קומען, איך דענק אַז מיט דעם וועל איך דיר אביסעל אָפּהיהלען. געטט אַרויס דעם לעטער. זעהסט אָט דיזען לעטער? ווייסטו וואָס דאָס איז?

ביטרעס

וואָס איז דאָס, איינע פון דיינע טריקס?

דייוו

דאָס איז ניט קיין טריק. דאָס איז אַ לעטער אַדרעסירט צו

דיין ליזעטשקע פון איהר פאטער בעפאר ער האט באגאנגען זעלבסטמארד. איך האב דאס ארויסגענומען פון זיין פאקעט יענעם אווענד. אין דיזען לעטער דערצעהלט ער איהר ווארום ער האט אזוי געהאנדעלט.

ביטרעס

עס איז א ליגען. לאמיר זעהען.

דייוו

קענסט זעהען דעם ענוועלאפ וועסטו דערקענען דעם האנד־שריפט.

ביטרעס ליזענט.

„צו מיין טייערע ליזעטשקע". — וועסטו איהר דאס ניט געבען. — טוט א ריס.

דייוו

כאפט זי ביי דער האנד, דרעהט שטארק.

לאז אפ, לאז אפ! זי בארעט זיך און לאזט אפ. יעצט וועט זי געהן מיט מיר? וועט זי?

ביטרעס

דייוו, זאג וואס איז דער פרייז פאר דעם לעטער? אלעס אין דער וועלט וועל איך דיר באצאהלען, זאג, וואס איז דיין פרייז?

דייוו

דיין ליזעטשקע!

ביטרעס

דייוו, אט האסטו מיך, קענסטו יעצט מיט מיר טאן וואס דו ווילסט, טו מיט מיך וואס דו פארלאנגסט. קענסט מיך היינט אויסנעמען, איך וועל געהן מיט דיך אומעטום, וואו דו וועסט נאר וועלען. גלעט איהם. דייוו, יע, איך בין צופרידען.

דייוו

טוט זי א כאפ און פרעסט זי צו זיך.

יע? מיינסטו דאס?

ביטרעס

פארלייגט די הענד ארום זיין האלז טראייעט איהם צו קושען.

יע! יע!

דייוו

און די שבועה, וועלכע דו האָסט געשוואָרען דיין טאַטען?

ביטרעס

די שבועה? מיין טאַטע? — וויל יהם אַפלאָזען.

דייוו

האָסט שוין חרטה?

ביטרעס

שטיל.

מיין טאַטע אָדער מיין קינד? האַ־האַ! נאַרישקייטען, עס איז אן איינבילדונג, א שבועה... איך געה, איך געה, ווען ווילסטו איך זאָל זיין רעדי? לאָמיר טאַקע באַלד געהן,, מייערער. מיינסט, אז איך האָב דיר ניט געליעבט די גאַנצע צייט? איך בין נאָך א יונגע פרוי, איך בייגק נאָך א שטאַר־קען געזונדען יונגען מאַן ווי דו, קוש מיך, איך בעט דיך, טו מיר א קוש, אזוי א שטאַרקען, פרעס מיך שטאַרק צו זיך. דרוקט זיך. אָט אזוי, מייערער.

דייוו

טוט זי א שטופּ פון זיך.

ניין, עס איז צו שפּעט. יעצט, ווען איך האָב געזעהען דיין ליזעטשקע, האָסטו פאַרלאָרען דעם גאַנצען רייץ אין מיינע אויגען. זי האָב איך טאַקע ליעב, צוליעב איהר האָב איך געמופּט מיינע ביזנעס און מיט איהר וועל איך היינט אויס־געהן.

ביטרעס

ביזט א לומפּ.

דייוו

טענק יו, שוויגער! אָט האָט איהר א קוואָדער פאַר דעם קאָמפּלימענט.

ביטרעס

ועסט דאָס ניט דערלעבען! ביזט אן אויסוואורף.

דייוו

איך פרעג דיך אליין, ווארום זאָל איך ניט אזוי האַנדלען? די פיינע געזעלשאַפט וויל מיך ניט און וועט מיך ניט נעמען

פאַר קיין איידעם, ווייל איך האָב דאָך נעזינדיגט נעגען דער מאָראַל. און דו! איינע פון מיין קלאַס, רופסט מיך אויך לומפּ, און אויסוואורף. נו, אויב איך בין יאָ דאָס וואָס דו רופסט מיך, דאַן וועל איך האַנדלען ווי איינער פון די און וועל געניסען פון אַלעם — אויב איך עס חזיר, זאָל דאָס רינען פון באָרד.

ביטרעס

פאַלט צו זיינע פיס.

דייוו, האָב אַ מענשליך האַרץ, פאַרגעס נישט אַז אַ מענש לעבט ניט אייביג. האָסטו גאָר קיין געוויסען? קיין מענשלי־כע געפיהלען? איך וועל זיין דיין שקלאַף, מיין גאַנץ לעבען. נאָר באַרויב מיר ניט פון מיין איינציגען שטיקעל טרייסט, מיין איינציג שטיקעל שיין וואָס איך פאַרמאָג אין דעם גאַנצען פינסטערען לעבען מיינעם.

דייוו

איך הער, אַז זיי קומען. אויב זיך אויף שנעל און גערדיינק, זאָלסט זיך ניט מישען, ווייל איך וועל איהר פּאָזיטיוו גע־בען דעם לעטער. זי הויבט זיך אויף, ווישט די אויגען און רעדט הויך.

ביטרעס

זעצט זיך, דייוו! מיין ליזעטשקע וועט מן הסתם באַלד קומען.

דייוו

טהענק יו. זעצט זיך. ערשיינט ליזע, שמואל, פּאַראַליזירט, אָנ־געבויגען. זי פיהרט איהם.

ליזע

האָ, גוד מאָרנינג, דייוו! אזוי פריה געקומען?

דייוו

גוד מאָרנינג! טאַקע צוליעב אייך.

שמואל

דערזעהט דייוו, קוקט אויף איהם שטאַרק, ווי ער וויל זיך עפּעס דערמאָנען, ווערט נערוועז, ציטערט. דייוו און ביטרים קוקען זיך איבער.

ליזע

מאַטעניו, וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקען? עס איז דאָך אונזער אַלעמענס גוטער אידעלער פריינד. באַרוהיג זיך, זעץ זיך.

שמואל

הויבט אויף די הענד, מאַכט אַ טריט צו איהם, קריצט מיט די ציין און כאַפּט זיך צוריק. שמייכעלט ווילד.

האַ־האַ־האַ!

ביטרעס

יעצט האָט ער איך דערקענט, יאָ שמואל?

ליזע

געוויס פּאַפּאַ, דאָס איז דאָך דייוו, אַנקעל דייוו. זעצט איהם. יע, דייוו, איהר האָט געזאָגט צוליעב מיר זייט איהר געקומען. וואָס אַ שטייגער פאַרלאַנגט איהר?

ביטרעס

דייוו וואָלט וועלען אַז דו זאָלסט היינט אויסגעהן, ווי מען זאָגט אין אַמעריקאַ, פאַרברייינגען אַביסעל. איך ווייס? דו קערסט עפּעס פאַר דעם?

דייוו

איך דענק, אַז איהר וועט מיר ניט ענטזאָגען. איהר וועט זיך אַביסעל באַקענען מיט ניו יאָרק, ניט אַזוי, מרס. ברענער, ווי זאָגט איהר?

ליזע

וואָרום ניט? איך האָב ניט דאַגעגען, אויב מיין מוטער וועט מיר ערלויבען.

דייוו

געוויס, געוויס וועט אייך אייער מוטער ערלויבען. וועלכע מוטער וויל דאָס ניט פאַרשאַפען אַביסעל פאַרגעניגען איהר איינציג קינד. קוקט אויף איהר.

ביטרעס

דאָס הייסט, איך האָב ניט דאַגעגען... פאַר וואָס ניט... באָט...

דייוו

האַ, שור, איך דאַנק אייך מרס. ברעגער, און איהר, ליי־זעטשקע, וועט זיך פאַרבערייטען, ווייל איהר פאַרשטעהט, איך וועל אייך נעמען אין א סוועל רעסטאָראַן פאַר דינער, דאַן וועלען מיר געהן צו א מאַטינע, און אזוי וועלען מיר פאַרברייגגען א פּאָר שעה...

ליזע

מוטער, וואָס האָסטו געוואָלט זאָגען? דייוו, איהר האָט פאַרכאַפּט די פּיש פאַר דער נעץ. מיין מוטער האָט נאָך ניט געענדיגט און איהר האָט שוין געדאַנקט. לאַכט.

דייוו

איי בעג יאָר פאַרדאָן, איהר האָט געוואָלט עפּעס זאָגען? זאָגט, וויטה פּלעזשור, אייער מוטער׳ס רייד זענען מיר אימער אנגענעם.

ביטרעס

ס׳הייסט, אייגענטליך האָב איך גאָר ניט געוואָלט זאָגען, נאָר פּילייכט וועט דאַן יאשא ניט וועלען ליידען?

ליזע

איך האָב גאָר פאַרגעסען. יא, דייוו, איך וועל געהן. מיין יאשא איז ניט פון די, וואָס זאָל איבערקלערען. דאָך ווען ער וועט קומען מיר געבען א לעסאָן, וועל איך איהם פרעגען.

דייוו

אַלזא, געהט איהר? אַ קוק אויף דעם זייגער. עס איז שוין טאָקע באַלד צעהן א זייגער. אין א שטונדען אָדער אין א שטונדע־א־האלב בין איך דאָ צוריק. זייט רעדי. גוד ביי! צום ווידערזעהן!

ליזע

גוד ביי, דייוו!

דייוו

מרס. בערגער, איהר וועט זיין אזוי גוט און צוקומען אין מיין פּלאַץ, ווייל עס איז קיינער ניטאָ דאָרט, איך דאַרף אייך נויטיג, איך האָב א פּאָר ל־ע־ט־ע־ר־ס, וועלכע איהר וועט אומבאַדינגט ענטפערען. גוד ביי!

ביטרעס
איך קום גלייך. דייוו אפ. ביטרים געהט צו צו ליזעטשקע.
ליזעטשקע, דו ווייסט מיין קינד, אז איך וואלט ניט וועלען אז דו זאלסט געהן?

ליזע
נו, ווארום האסטו ניט געזאגט? מען קאן ניט מאכען פון יענעם א נאר.

ביטרעס
פארשטעהסט, מיר האט ניט געפאסט, אבער פאר דיר איז געוועזען שעהנער, וואלסט געקענט זאגען, אז דו קענסט ניט צוליעב יאשא'ן.

ליזע
איך זעה ניט איין ווארום ניט. דאכט זיך א פיינער מאן. טאקע, ער האט פאר אונז אזוי פיעל געטאן, ער צאהלט געגוג אויף אויסצוהאלטען די הויז און מיך צו קליידען. און דו ארבייסט זיך ניט איבער. נו, ווארום טאקע ניט? אז ביי איהם איז דאס א פארגעניגען, און מיר וועט דאס אויך ניט שאדען.

ביטרעס
האסט רעכט, ער איז טאקע גוט, און איבער דעם וויל איך טאקע ניט, אז ער זאל אויסגעבען נאך מעהרער, פארשטעהסט? ווען דו זאלסט מיך פאלגען, וואלסטו זיך אנגעטאן אין אלעס און ווען ער וועט קומען נאך דיר, וועסטו זאגען, אז דער קאפ טוט דיר וועה, וועט אי דער וואלף זאט זיין און די ציעג גאנץ... יע מיין קינד?

ליזע
אז דו ווילסט אזוי, בין איך צופרידען.

ביטרעס
נא! איך נעה צוגרייטען דינער, איך דארף באלד געהן. אפ.

ליזע
לויפט צום פענסטער, נעמט איהם ארים מיט ביידע הענד
פאפא טייערער, וואס זאגסטו, זאל איך געהן מיט דייוו'ן, יע פאפא? איך וויל גראדע געהן זעהן ניו יארק.

שמואל

נעמט זי אַרום, פּרעסט זי, קושט זי און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ. יע.

ליזע

ביזט טאַקע אַ טייערער פּאַפּא. קושט איהם.

שמואל

מאַכט מיט די הענד, צייגט אויף זיך, אויף איהר, צושפּרייט די הענד אין דער הויך און אַרונטער.

ליזע

אַרימער פּאַפּא, וויפיעל שמערץ עס פאַרשאַפט דיר, ווען דו זעהסט, אַז איך פאַרשטעה דיר ניט. איך וואָלט אוועקגעגעבען האַלב פון מיין לעבען צוריק קריגען דיין פאַרשטאַנד, און דיין שפּראַך. האַ, ווי אַזוי האָט דאָס פּאַסירט?

שמואל

מאַכט מיט די הענד, ווישט איהר די אויגען, גלעט איהר, בעט איהר זי זאָל ניט וויינען, דרעהט זיך אַרום, מאַכט ווידער מיט די הענד, ווערט נערוועז, טענה'ט וואָרום מען פאַרשטעהט איהם ניט, פאַנגט אָן וויינען, צייגט אויף די ליפּען.

ליזע

וואָס זאָל איך דיר טאָן? בארוהיג דיך, טאַטע.

שמואל

לויפט אַרום, קלאַפּט זיך אין האַרצען, ברעכט די הענט, דערזעהט אַ צייטונג, ווערט פריילין. האָ, האָ, האָ!

ליזע

טאַטע, וואָס זאָל איך טאָן?

שמואל

צייגט איהר זי זאָל נעמען אַ פּענסעל און פּייפּער. ליזע טוט אַזוי.

שמואל

קוקט אין פּייפּער, צייגט איהר אַ „ח".

ליזע

אַ „ח". פאַרשרייבט. דאַן אַ „ו", דאַן אַ „פּ" און אַ „ה".

ליזע לייענט.

חופּה, חופּה.

שמואל

האַ, האַ! שאַקעלט אויף יע, קושט זי ליידענשאַפטליך.

ליזע

מיין אָרימער טאַטע, וואָלסט וועלען דערלעבען זעהן מיר אונטער דער חופה. איך וועל רעדען מיט יאשא'ן, איך וועל איהם בעטען, וויינען, אונטער אַלע אומשטענדען בין איך צופרידען צו הייראַטען מיט איהם, אום דיך, מיין טייערער פּאַפּאַשעניו, אביסעל פארגניגען פארשאַפען.

שמואל

שפּאַרט זיך אַן אויף איהר און וויינט.

ליזע

ניין, טאַטעניו, איך בעט דיך, וויין נישט, וויין נישט. קום, וועל איך דיך אָוועקלעגען, וועסטו זיך בארוהיגען. ער בויגט זיין קאָפּ אויף איהר שולטער. אָפּ. מען קלאַפּט אין טיר.

ליזע

שרייט.

האָט באַלד! קאָם הין! קומט צוריק.

יוסף אלי

ערשיינט מיט אַ פּעקעל.

גוט מאָרגען דיר, ליזעטשקע! וואָס מאַכט מען עפּעס?

ליזע

גוד מאָרנינג, מחותן! וואו איז ערגעץ יאשא?

יוסף אלי

ער וועט דאָ באַלד זיין, יע ליזעטשקע. יע, איהר האָט דאָס נישט?

ליזע

וואָס האָבען מיר נים?

יוסף אלי

הע, ווען איך זאָל וויסען וואָס, דאָס איז דאָך דער אומגליק...

ליזע

וואָס מיינט איהר?

יוסף אלי

איך ווייס ניט וואס, וועל איך קומען אהיים און איהר זאגען, אז איהר האט דאס ניט. און טאמער פרעגט זי דיך, זאלסטו אויך אזוי זאגען.

לייזע

איך וועל אייך טאן די טובה. אבער איך וויל אייך עפעס פרעגען.

יוסף אלי

וואס א שטייגער?

לייזע

איך האב היינט געקוקט אין די פענסטער און האב געזעהען פיעלע פאטאגראפיעס.

יוסף אלי

מיינסט פיקטשעס.

לייזע

יע, פארשטעהט איך, אז דאס זיינען די לייטע, וואס ווילען ערוועהלט ווערען צו געווויסע שטעלען, ווי גובערנאטאר און נאך אזעלכע, און צווישען אט די פיקטשעס איז דא א בלע־טעל, אנגעשריבען סטאר טו לעט און א נאמען מענדעלסאן. קענט איהר מיר ניט זאגען פאר וואס לויפט דער מאן?

יוסף אלי

אט דער מאן וואלט געמעגט ברעכען רוק און לענד לויפענדיג.

לייזע

ווארום? ווארום לויפט ער פארט?

יוסף אלי

האט דער מאן לויפט אלע ערשטען צו מיר נאך רענט, עס איז דער לענדלארד, פארשטעהסט שוין וואס ער לויפט?

לייזע

אזוי גאר, אבי איך האב געדיינקט, אז ער איז א ריכטיגער לייבער, יא, מחותן, ווי שפעט איז יעצט?

יוסף אלי

זוכט אין אלע פאקעטס, געפינט אין די הינטערשטע פאקעטס.

עס איז שוין באלד עלף א זייגער.

פארשטעהסט, גענענדיל האט מיך נאך עפעס געשיקט. און

ליזע

טאָקע? ענטשולדיגט מיר איך דאַרף זיך גען אַנטאָן. איך וועל רופען דער מאַמען. שרייט. מוטער! מוטער! אָפּ.

ביטרעס

ערשיינט.

האַ, גוט מאָרגען, ה׳ יוסף אלי! איך מיין מחותן. וואָס איז עפּעס נייעס?

יוסף אלי

גאָר ניט, קיינע נייעס, דיזעלבע אַלטע געשיכטע: „פאַרגע־סען”. אַ קלאַפּ אין טיר. יאַשא און דאָרא ערשיינען.

יאַשא

גוט מאָרגינג עוורי באַדי. אַלע ענטפערען.

יוסף אלי

יאַשא, גוט וואָס דו ביזט דאָ. פּיליכט ווייסטו נאָך וואָס די מאַמע האָט מיר געשיקט?

יאַשא

האָסט פאַרגעסען, פּאַ? דאָס איז געוועזען נעכטען. היינט האָט זי דיך גאָרניט געשיקט.

יוסף אלי

טאָקע? ביזטו זיכער? אבי איך האָב זיך געריכט אויף אַ פּסק. אויב אזוי, גע איך. האָט מיר אַ גוטען. אָפּ.

יאַשא

דאָרא האָט מיר געזאָגט, אַז איהר דאַרפט מיך.

ביטרעס

יע, זעץ זיך. גוט אַזוי. איך האָב געוואָלט מיט דיר עפּעס ריידען.

יאַשא

וואָס אַ שטייגער? וועגען וואָס?

ביטרעס

וועגען ליזעטשקען, איך האָב באַמערקט די לעצטע צייט, אַז מיין ליזעטשקע ווערט אומעדיג, און זי ליידעט פון עפּעס. איך האָב זי געבעטען זי זאָל מיר דערצעהלען, אָבער זי ענט־פערט מיר ניט.

דאָרא

איך האָב דאָס שוין לאַנג באַמערקט, און ווי איך פאַרשטעה, איז דאָס ווייל איהר, איהר זייט צו קאַלט צו איהר.

יאָשא

וואָס הייסט? דאַכט זיך זי ווייס אַז איך וואָלט דאָס לעבען אַוועקגעגעבען פאַר איהר.

ביטרעס

איך ווייס, אָבער וויסען אַליין איז ניט גענוג, מען דאַרף דאָס ארויסציייגען. זי איז אַ שטילע קינד, זי קען דאָס ניט פאַרלאַנגען פון דיר.

יאָשא

וואָס הייסט? ווי אַזוי?

דאָרא

איהר פאַרשטעהט, אַ מיידעל גלייכט, אַז מען צייגט איהר ארויס אַביסעל דזשעלאָסי, מען מאַכט זיך, אַז מען פאַר־דעכטיגט זי, איהר פאַרשטעהט, דאָס איבערצייגט איהר, אַז איהר ליעבט זי שטאַרק. אַ ניט דענקט זי, אַז איהר זייט גלייכגילטיג.

יאָשא

וואָס הייסט פאַרדעכטיגען מיין ליזעטשקע? אַז איך ווייס, אַז זי איז ריין ווי אַ מלאך, אַז איך האָב קיין אורזאַכע ראַצו.

דאָרא

ווער ווייסט דען דאָס ניט? זי איז דאָך אַזאַ טייערע קינד, אָבער מען זוכט עפּעס אויס, זאָל זיין אַ קלייניקייט. איהר מעגט דענקען, אַז עס איז לעכערליך, אָבער אום איהר אַנטאָן אַביסעל פאַרגעניגען...

ביטרעס

אַזאַ יאָהר אויף מיר, ווי זי האָט רעכט. דו ווייסט דאָך, זינט דער אומגליק האָט פּאַסירט, איז זי געבעך אַזוי דערשלאָגען, און דו ווייסט גאָר ניט וויפיעל פאַרגעניגען עס פאַרשאַפט אַ מיידעל ווען איהר געליבטער צייגט סימנים פון אייפערזוכט.

יאַשא

ווי ליגט דאָ דער שכל? וואָרום זאָל דאָס זיין אזוי? איך פארשטעה ניט.

ביטרעס

וואָרום פארשטעהסטו ניט? א פרוי צווייפעלט אימער אין מאַנ׳ס ליעבע, און ווען זי בלייבט אליין, דענקט זי איבער אַלע זיינע עקשאָנס און ווערטער, אום זיך איבערצייגען אין זיין אויפריכטיגקייט, און דאַן ווען ער מאַכט איהר עפּעס פּארווירפע, דאַן כאַפּט זי זיך אָן ווי אָן א אבן טוב, און דאָס פארזיכערט איהר, אז ער ליעבט איהר ערנסט, און דאָס איז איהר בעסטער פארגעניגען.

יאַשא

אָבער אום גאָטעס ווילען, וואָס זאָל דאָס זיין? איך האָב קיינמאָל ניט געטראַכט וועגען דעם.

דאַרא

כא, כא, איה הערט, ביטרים? איך האָב א גוטען סקים, זאָגט איהם וועגען דייוו׳ן, עס וועט זיין א טייערער איינפאַל. ווינקט צו ביטרעס׳ן.

ביטרעס

גערעכט, כ׳לעבען, עס וועט זיין א שעהנער שפּאַס.

יאַשא

ערנסט.

וואָס איז? וואָס איז מיט דייוו׳ן?

ביטרעס

טו נאָר א קוק, ער איז שוין דזשעלאָס אויף דער ריכטיגקייט. עס איז גאָר ניט, האָסט ניט וואָס מורא צו האָבען, נאָר איך וויל דו זאָלסט זיך מאַכען, אז דו ביזט ריכטיג דזשעלאָס. עס איז אזא געשיכטע: דייוו, ווייסט דאָך, האָט איינגעלאַדען ליזעטשקען פאַר א דינער, ווייל ער האָט אויף איהר רחמנות, וואָס זי איז געבעך אזוי דערשלאָגען, און איך וויל ניט, אז ער זאָל ספּענדען, עס קאָסט איהם גענוג, ער איז א מענש אָהן א גאַל.

דאָרא שטיל.

הלואי האָט ער קיין נשמה אויף ניט.

ביטרעס

פארשטעהסט, איז אז זי וועט דיר דערצעהלען, זאָלסטו זיך אָנ'ברוגז'ן און איהר זאָגען אזוי מיט'ן הארבען וואָרט, אז דו ווילסט ניט ליידען, אז זי זאָל געהן. זי וועט זיך נאכהער פיהלען איבערגליקליך.

דאָרא

און איך וואָלט געמאכט א פאָרשלאָג, אז איהר זאָלט איהר טאַקע אליין אויסנעמען היינט פאר דינער, אום איהר ניט צושטערען דאָס ביסעל פאַרגניגען, וואָס זי וואָלט געהאַט. עס וועט זיין א שעהנער דזשאָק.

יאשא

אָלרייט, איך קען דאָס טאָן, אָבער זי אויסנעמען איז אונ־מעגליך.

דאָרא

איך ווייס, פיליכט, עס קען זי דמאכען... עס איז קיין שאנ־דע ניט... איך ווייס איהר זייט א סטודענט... און פארדיענט ניט פיעל... איך וואָלט... דאָס הייסט... ווען איהר זאָלט מיר ניט ענטזאָגען... הא, יאשא, עס וואָלט ב יימיר געווען די גרעסטע הערע... אז, אז איך זאָל אייך ב י י ד ע טריטען. כאָטש ארויס א צעהנער. נאָט אייך, ספענדעט דאָס פאַר מיר. איך טו דאָס צוליעב ליזעטשקען, צוליעב ביטריס'ן, זי האָט פאַר מיר געגוג געטאָן... טוט מיר די טובה, נעמט דאָס און ענדזשאָיעט זיך.

יאשא

גיט איהר צוריק.

דאַנקע. עס איז ניט אַ פראַגע פון געלט, עס איז די צייט. איך האָב היינט אן עקזאַמינייששאַן און עס איז אונמעגליך, אונמעגליך. עס עהרען זיך טריט.

ביטרעס

דאָרא, קומט, לאָמיר זיי לאָזען אליין. גערדיינקט, יאשא, וואָס איהר דאַרפט איהר זאָגען. אַ.

ליזע

ערשיינט געדרעסט.

הא, יאשא, גוד מאָרנינג דיר. קושען זיך. יאשא, דו ווייסט, איך קאָן שוין א גאנצען פסוק ענגליש.

יאָשא

מיינסט א גאנצען סענטענס, אנו, לאָמיר הערען.

ליזע

זאָל זיין ווי דו זאָגסט. איך קען זאָגען: אי לאָוו יו דירלי.

יאָשא

צו דעם ביזטו אַ מאָלאָדיעץ, דו דאַרפסט דאָס אָבער ניט זאָגען צו יעדען איינעם. קוק, דו האָסט זיך פאַרפוצט, געהסט מיט אימיצען אוים?

ליזע

איך ווייס אליין ניט. דער מאַמעס, איך מיין אונזער פריינד דייוו וויל מיך אויסנעמען פאר אַ דינער, איך קען איהם ניט אָפּזאָגען, ווייל ער איז זעהר גוט צו אונז. די מאַמע ווידער וויל ניט איך זאָל איהם אויסברענגען, וויל זי, אז איך זאָל זאָגען, אז דער קאָפּ טוט מיר וועה.

יאָשא

מאַכט זיך ברוגז.

און מיך דאַרפסטו ניט פרעגען. פיליינט וויל איך ניט ליידען.

ליזע

אי, גנוג שוין. גלעט איהם. וואָס זשע האָסטו מורא, איך וועל דיך פאַרבייטען. אי, נאַרעלע, נאַרעלע, דערווייל האָב איך נאָך ניט באַגעגנט אזא פערזאָן, פאַר וועלכען איך זאָל דיך פאַרבייטען. דו ביזט באַ מיר אַ... איך וויל ניט זאָגען, די וועסט זיך איבערנעמען.

יאָשא

זאָג, זאָג. עס איז מיר אנגענעם צו הערען פון דיר.

ליזע

אום דיר צו פאַרשאַפען פארגעניגען זאָג איך דיר און מיין דאָס, אז דו ביזט דער בעסטער, דער ליעבסטער אויף דער גאנצער וועלט.

יאַשא

טאַקע? מיינסט דאָס? הא, טייערע פויגעלע מיינס. קושט זי. איך בין אַזוי גליקליך מיט דיר, איך וויל אָבער ניט, אַז דו זאָלסט געהן מיט פרעמדע יונגע לייט, איך וויל ניט, איך וויל ניט.

ליזע

יאַשא, מיינסט דאָס? מיר פאַרדריסט דאָס. גלויבסט מיר ניט? איך האָב זיך ניט געריכט אויף דיר. ווערט ברוגז.

יאַשא

הע, אי דאַנט קער, איך מוז דיר זאָגען דעם אמת, אַז איך, מיין טייערע, גלויב דיר, נאָר דיין מאַמע און דאָרא האָבען מיר געזאָגט, אַז יעדע פרוי האָט פאַרגניגען צו זעהן ווי איהר געליעבטער איז דזשעלאָס. זיי האָבען מיר איינגערעדט, אַז דאָס וועט דיר פאַרשאַפען פאַרגעניגען, האָב איך זיך געמאַכט הארץ, און געשפּיעלט די ראָליע פון אַן אייפערזיכטיגען. אָבער ווייטער, גלויב מיר, אַז איך בין העכסט צופרידען, וויל זעלבסט קאָן איך דיר ניט פאַרשאַפען דעם פאַרגעניגען, און איך פאַרגין דיר מיט'ן גאַנצען הארצען. פאַרקערט, איך וויל, אַז דו זאָלסט פאַזיטיוו יא געהן און פאַרברייגגען פריילין.

ליזע

אי, א מוטער, זי וואָלט וועלען פאַרשאַפען פאַרגניגען, אָבער ניין, יאַשעטשקע, פּיליכט ביי אַנדערע פרויען, ביי מיר אָבער איז אייפערזוכט א באַליידינונג, ניט קיין פּלעזשור. וועסט זעהן וואָס פאַר א שפּיפּצעל איך וועל איהר אַפּטאָן.

יאַשא

וואָס א שטייגער?

ליזע

וועסט זיין דערביי, וועסט זיך קאַטשען פאַר געלעכטער. יע יאַשא, איך וועל דיך בעטען א קליינע טובה, אָבער לאַך ניט פון מיר.

יאַשא

חלילה? וואָס הייסט לאַכען?

ליזע

איך וויל מיר זאָלען חתונה האָבען.

יאשא

ליזעטשקע! ערשטוינט. וואָס רעדסטו? ווייסט דאָך, איך וואָלט געווען דער גליקליכסטער, אָבער ווייסט דאָך איך בין נאָך נים פריסטראַיעט. איך וועל אויסשטודירען דאָקטאָר, דאַן, ליזע, וועלען מיר זיך אויסבויען אַ גליקליכע פרייליכע נעסט, ווי מיר וועלען לעבען צוזאַמען.

ליזע

דיינק נים יאשע, אז איך רעד דאָס צוליעב זיך, ניין, איך וואָלט נאָך געקענט ווארטען. אָבער מיין טאַטעניו, מיין אומגליקליכער טאַטע. וויינט. ער, ער האָט מיך געבעטען ער וויל דערלעבען נחת אין מיר, דאָס איז זיין איינציגע טרייסט, און נאָר צוליעב איהם וויל איך דאָס. דער דאָקטאָר זאָגט, אז עס קען פּאַסירען צוליעב אַ גרויסע איבערנאַטירליכע איבער־ראשונג קאָן ער קריגען צוריק די שפּראַך.

יאשא

אָבער ווי איז דאָס מעגליך, איך מאַך דאָך קיין לעבען נים?

ליזע

יאשעטשקע! איך בין צופרידען מיט אַ טרוקען שטיקעל ברויט, איך זוך קיין רייכטום, איך ליעב דיך, און ליעב מיין פאָטער, צוליעב אים בין איך אויף אלץ צופרידען, אויף אלץ. לאָמיר איהם, דעם אומגליקליכען טאַטען, פארשאַפען אַבי־סעל פאַרגניגען, וואָס נאָך קאָן איך טאָן פאַר איהם? איך ווייס, אז איך פאָדער צופיעל פון דיר, ווייל דיר איז ער דאָך נים מעהר ווי אַ צוקונפטיגער שווער, און עס איז צו אַ גרוי־סער אָפּפער צו פאַרלירען דיין קאַריערע. אָבער איך! וואָס זאָל איך טאָן? ער האָט מיר געבעטען מיט טרערען, אז דאָס איז זיין איינציגער וואונש, וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן? שפּאַרט זיך אָן אין יאשא׳ן. וויינט.

יאשא

ליזעטשקע! ליזעטשקע! בארוהיג דיך. ווי איז דאָס פּאַרט מעגליך?

אַ קלאַפּ אין טיר. ליזע ווישט זיך די אויגען, האַלט זיך צו דעם קאָפּ. דייוו ערשיינט געווּרעסט.

דייוו

האָב דו יו דו? דערלאַנגט יאַשא׳ן די האַנד. איך זעה איהר זייט שוין רעדי צו געהן.

ליזע

יע, איך בין אָנגעטאָן, נאָר איך האָב עפּעס א קאָפּ וועהטאָג.

דייוו

דאָס איז אַ קלייניגקייט, איהר וועט ארוים אויף דער פרישער לופט, וועט אייך לייכטער ווערען. פּיליכט איז אייער פריינד דאַגעגען?

יאַשא

האָ, ניין, פּארקערט, איך בין אייך דאַנקבאַר. איך ווייס פון אַלעס, וויפיעל גוטעס איהר טוט פאַר מיין צוקונפטיגער שוויגער עלטערען, איך דאַנק אייך פאַר זיי.

ביטרים און דארא ערשיינען, גרוסען זיך.

ביטרעס

דייוו, איהר וועט ענטשולדיגען מיין ליזעטשקע, זי האָט זיך פאַרבערייטעט צו געהן מיט אייך, נאָר זי האָט אַ געפעהרליכען קאָפּ וועהטאָג. איך האָב מורא, ס׳הייסט זי האָט מורא צו געהן. ניט אַזוי, ליזעטשקע?

ליזע

צו יאַשען.

יעצט וועל איך דאָס צורעכט מאַכען. איהר הערט, דייוו, איך מוז אייך זאָגען דעם ריינעם אמת, מיין מוטער וויל ניט אַז איהר זאָלט ספּענדען געלט אויף מיר, און אָפּזאָגען אייך פּאַסט דאָך אויך ניט, האָט זי מיר געבעטען, אַז איך זאָל אייך זאָגען, אַז דער קאָפּ טוט מיר וועה. און איך, אַלס גוטע מיידעל, האָב געפאָלגט דער מאַמען. דאָס איז דער ריינער אמת. מאַכט זיך. אוי, מיין קאָפּ, מיין קאָפּ! לאַכט.

ביטרעס

ליזעטשקע! וואָס טוסטו? וואָס רעדסטו?

ליזע

דאָס איז פאר מאַכען איהם איפערזיכטיג... דו ווייסט שוין וואָס איך מיין. לאָבט געשמאַק.

דייוו

צו ביטרים.

אַזוי, דאָס איז געוועזען אייער סקים? כאַ, כאַ! איהר פאר־שטעהט דאָך, אַז עס וועט ניט קאָסטען קיין פארמעגען, און ביי מיר וועט דאָס זיין אַביסעל פארגניגען. האָ, איהר וועט דאָך איהר ערלויבען צו געהן מיט מיר?

ביטרעס

האָ, ניין, דייוו, איך וויל ניט, אַז זי זאָל געהן, אַן עברה אייער געלט.

דייוו

האָ, עס,נאַרישקייטען! איך האָב דאָך שוין געספענדעט. איך האָב שוין דאָ די טיקעטס. צייגט. און פאר דעם דינער וועל איך אויך מוזען באַצאָהלען, ווייל איך האָב געאָרדערט אַ ספעציעלען דינער, דאַן מעגען מיר דאָך שוין געהן.

ליזע

אויב אַזוי, מוטער, וועל איך געהן. נעמט אַ סקאַרף און קאַוט, נעמט דייוו׳ן אונטער׳ן אָרעם, ווילען געהן. שמואל ערשיינט אומבאַמערקט.

ביטרעס

ניין, ליזעטשקע, דו וועסט ניט געהן! טוט זי אַ שלעפ צוריק. איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט געהן, הערסט, וועסט ניט געהן!

ליזע

מוטער, וואָס איז מיט דיר? ווען דו ווילסט ניט, דאַן געה איך ניט.

ביטרעס

געוויס וויל איך ניט.

דייוו

דרעהט זיך די פינגער, בייסט די ליפען.

אַלזאָ, הייסט דאָס איהר וועט זי נים לאָזען? פאר זיכער ניט?

ביטרעס
ניין! ניין!

דייוו
וועל, וועל! אַלרייט, איך גיה. לאָזט זיך געהן, קערט זיך אום צוריק. ווייסט איהר, אז איהר האָט מיר באַליידיגט?

ביטרעס
איך קאַן זיך גאָרניט העלפען.

דייוו
אויב איהר קענט זיך גאָר ניט העלפען דאַן, דאַן... כאַפּט ארויס דעם לעטער. אַלזאָ, מיסס ברעגער, לעזט אָט דיזען לעטער, עס וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט פאַר אייך.

ליזע
נעמט דעם לעטער.
הא, פּאַפּאַ׳ס האנדשריפט!

ביטרעס
כאַפּט דעם לעטער.
ווערסט דאָס ניט לעזען, ניט לעזען!

דייוו
כאַפּט אויך דעם לעטער.
ווייסט איהר וואָס דיזער לעטער איז? דאָס האָט אייער פאָ־טער געשריבען צו אייך דאַן...

ביטרעס
גלויב איהם ניט, ער איז א ווייסען שקלאַפּען הענדלער. ער האָט דיך געוואָלט אומגליקליך מאַכען.

דייוו
אמת, אמת. אָבער אייער מוטער איז מיין פּאַרטנער. זי האָט געפיהרט די ביזנעס פאַר מיר, און דיזער לעטער, רייסט ארויס און האַלט הויך, און דיזער לעטער...

שמואל דערמאָנט זיך, מאַכט מיט די קולאַקעס, פאַנגט אָן שטאַמלען.
זי... ער... ג׳־ה־ר־ג׳ט... ווייזט ווי דייוו האָט געמאַכט מיט די קולאַקעס, טרייבט זי...

יחיאל ערשיינט פון דאַוועגען.

ליזע

מאַמע! דו! דו האָסט מיך אויסגעהאַלטען מיט שמוציגע געלט? די קליידער מיינע זיינען באַצאָהלט דורך פרויען עהרע? טוט אָ שליידער דעם סקאַרף, דעם קאָוט, רייסט די קליי-דער. ניין! ניין! טאַטע, זיידעניו, לאָמיר אנטלויפען פון דאַנעט. יאַשא, געה, געה, מיך דאַרפסטו שוין מעהר ניט נעמען. רייסט זיך די האָר.

ביטרעס

פאַלט אויף די קניה.

טאַכטער, הער מיך אויס, הער מיט אויס.

שמואל

שטופט זי אָפ.

לאָז זי ניט ארומנעמען, האָ, האָ, האָ!

יחיאל

מיין טאָכטער, איך האָב דיך פאַרלאָרען. רייסט מיר קריעה, איך האָב דיך פאַרלאָרען אויף אייביג!

ליזע

נעמט ארום דעם פאָטער און יחיאל.

קומט, קומט פון דאַנעט בעטלען ברויט אין די גאַסען פאַר דיר מיין פאָטער, פאַר דיר מיין זיידעניו, א יתומה בין איך געבליבען, מענשען וועלען רחמנות האָבען, א יתומה בין איך!

יאַשא

ליזעטשקע, קום צו אונז, איך וועל זאָרגען פאַר אייך אַלע.

ליזע

קומט! קומט! העלפט א יתומה!
העלפט א יתומה.
העלפט א יתומה,
א אָרימע יתומה.

פאַרהאַנג.

פערטער אקט

עס שטעלט פאר יוסף אלי'ס הויז, א לאנגער טיש באפוצט מיט פרוכט און קייקס, און באטעלס שנאפס, רויטער און ווייסער. געגען איבער א בעד רום מיט א פארהאנג. יוסף אלי איז ביזי מיט גרייטען דעם טיש, טרינקט צוביסלעך, און ווישט זיך מיט דעם ארבעל, גיסט אן א גלעזעל, וויל טרינקען, גענענדעל ערשיינט, פארפוצט, דערזעהט זי און דער־שרעקט זיך.

יוסף אלי

אה גוט וואס דו ביזט דא, איך האב אנגעגאסען א גלעזעל פאר דיר, איך וויל זאלסט פארזוכען און מיר זאגען צי עס איז נישט צו שטארק, צי איך מעג דאס טרינקען.

גענענדיל

איך פארשטעה, איך פארשטעה, פאר מיר האסטו אנגעגא־סען, ווער זאל אזוי לעבען?

יוסף אלי

הערסטו גענענדיל? ווילסטו אז מיר זאלען אימער גערענקען דעם טאג ווען אונזער יאשא האט חתונה געהאט? אז אפילו איך זאל נית פארגעסען?

גענענדיל

געווים וויל איך, מיר זאל זיין פאר זיינע ביינדעלעך, נו?

יוסף אלי

הערסטו, ליזעטשקע וויל עס זאל זיין א שטילע חתונה אהן מאראאם, ווייל פארשטעהסט דאך, אז איהר איז נית אזוי פרעהליך, דער פאטער פאראליזירט און די מוטער...

גענענדיל

דערמאן נית איהר נאמען אין מיין הויז, הערסט?

יוסף אלי

נית דאס בין איך אויסען, וויל איך אז זאלסט מיר צוזאגען,

אז היינטיגען טאג וועסטו קיין איין כלה נים ארויסלאזען, ווייסט וואס דער רבי ז"ל האט געזאגט ?

גענענדיל

וואס ? וואס ?

יוסף אלי

אז אויב מען שעלט אין א חופה טאג, איז ביז צום יאהר האט מען א נאמען נאך דער שוויגער.

גענענדיל

טאקע ? איך זאג דיר צו, אז היינטיגען טאג זאלען מיינע שונאים אפדארען די הענט מיט די פיס, אויב איך וועל אי־מיצען שעלטען.

יוסף אלי

גאט איז מיט דיר, וואס טוסטו ? אבער זאגסט מיר צו ?

גענענדיל

געווים ?

יוסף אלי

נו, אויב אזוי לאמיר טרינקעןביידע לחיים. גיסט, ביידע טרינקען. מיר זאלען דערלעבען נחת פון איהם. גיסט זיך אן נאך א גלעזעל.

גענענדיל

וואס טוסטו ?

יוסף אלי

פארשטעהסט, איך האב פארגעסען צו מאכען א ברכה, און דער רבי האט געזאגט, אז אין יום החופה זאל מען טאן מצות, נו קיין צדקה קאן איך נים געבען, מאך איך א ברכה. שעפ־טשעט שטיל. גיסט נאך א גלעזעל.

גענענדיל

יוסף אלי !

יוסף אלי

פארשטעהסט, איך האב פארגעסען און געמאכט בורא פרי אדמה, איז דאס א ברכה לבטלה. אבער איצט הער ווי איך זאג שהכל נהיה בדברו. טרינקט און גיסט נאך אמאל.

גענענדיל

אויב דו הערסט ניט אויף טרינקען, וועל איך ברעכען מיין שבועה.

יוסף אלי

פארגעס ניט, א נאָמען נאָך דער שוויגער, דאַרפסט ניט שרייען, נאָך די עטליכע גלעזלעך בין איך געוואָרען גאָר אַן אנדערער מענש, נו וויל דער אנדערער מענש אויך לחים, וואו איז יושר. טרינקט. און איצט דאַרף ער נאָך אמאל טרינ־קען, ווייל דער אנדערער מענש האָט אויך א קורצען זכרון און האָט פארגעסען צו מאכען א ברכה.

גענענדיל

גענוג זאָג איך דיר, ווייל איך קען זיך מעהר ניט איינהאל־טען. א קלאַפּ אין טיר. דאָרא ערשיינט.

דאָרא

גוד עפטערנון.

גענענדיל

סקאַצעל קומט, ווער למשל האָט געשיקט נאָך אייך?

יוסף אלי

טוט זי א ציה ביים אָרבעל.

גענענדיל וואָס טוסטו? ווער איז זי דען?

דאָרא

איהר דערקענט מיך ניט, ר' יוסף אלי?

יוסף אלי

קוקט זיך איין.

אָה יעס, געוויס, איך האָב אָן אייך א גוטען סימן, דאָס סיל־קענע העמדעל, ווילט איהר נאָך עפעס קויפען?

דאָרא

ניין, ר' יוסף אלי, מיך האָט געשיקט ביטרעס אייך בעטען, איהר זאָלט איהר ערלויבען קומען צו אייך, זי וויל זיך זעהן מיט איהר ליזעטשקע'ן.

גענענדיל

דאָס ניט, קיין מאָל ניט, איך וויל זי ניט ביי מיר אין הויז אזא...

יוסף אלי

גענענדיל, מיר האָבען דאָך עפּעס גערעדט, אז היינטיגען טאָג דאַרפסטו זיין גוט ?

גענענדיל

דאָס מאַכט ניט, איך וויל זי ניט, איהר פוס קען מיין שוועל ניט אריבערטרעטען, און זי, ליזעטשקע, וויל פון אזא מאַמע ניט ווּיסען, זי האָט ניט די ווערט צו האָבען אזא טאָכטער.

דאָרא

גענענדיל זייט ניט אזוי שלעכט צו איהר, זי איז דאָך א מו־טער, זי שטעהט אויטסייד און וואַרט אויף מיין ענטפער. איך קאָן איהר ניט זאָגען, אז איהר ערלויבט איהר ניט, זי וועט דאָס ניט איבערטראָגען, איך בעט אייך. וויינענדיג, זאָגט איהר ניט אָפּ.

יוסף אלי

גענענדיל, זי איז גענוג געשטראָפט, זאָל איהר ליזעטשקע זאָגען וואָס זי וויל, אָבער מיר, מיר טאָרען ניט זיין אזוי. זאָל זי קומען, מען קען א מוטער ניט באשטראָפען אזוי שטאַרק.

גענענדיל

דו מיינסט, אז איך קען דאָס, איך בין דאָך אויך א מוטער. ווישט זיך די אויגען. אָבער זי איז דאָך שולדיג. וואָס הייסט א פרוי טוט אזעלכעס, און ווידער ליזעטשקע און יאשע זיי־נען דאָך איצט ניטאָ, דאָך אז זי וויל זאָל זי אריינקומען, איך וועל צו איהר ניט רעדען, וועל איהר גאָרניט ענטפערען.

דאָרא

יע! איהר ערלויבט איהר? באַגייסטערט. לאַנג לעבען זאָלט איהר, גיט מיר אייער האַנט.

גענענדיל

ניט נויטיג.

דאָרא

כאַפּט יוסף אלי׳ס האַנט.

איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך, איך שיק זי גלייך אריין, דאַנקע, דאַנקע. אָפּ.

יוסף אלי

טרייסעלט אַפּ די האַנט.

גענענדיל, איך בעט דיך, זיי ניט צו שטרענג צו איהר, ווייסט דאָך א מענש האַלט זיך ניט אין די הענט, ווער ווייסט פיי־לייכט פּאַסירט מיט דיר..

גענענדיל

שאַ זאָג איך דיר, עפּעס אזא לאַנגער טאָג?

יוסף אלי

עס איז א ביטערער רחמנות. שטעל זיך פאָר א מוטער, איהר איינציג קינד קען זי ניט זעהן, שוין באַלד זעקס מאָ־נאַטען, אז זי האָט זי ניט אָנגעקוקט, און היינט צו דער חתונה, און זי האָט מען ניט געבעטען, ווער נאָך קאָן מיטפיה־לען א מוטער'ס האַרץ, ווי דו אליין.

גענענדיל

ווייס איך וואָס, אויך מיר א מוטער, וואָס פאַר א פרוי אזא מוטער, עס איז אין גאַנצען אַן אַנשטעל, איך גלויב קוים אויב אזעלכעס האָט א האַרץ. א קלאַפּ אין טיר. שאַ, אָט קומט זי.

גענענדיל בלאָזט זיך אָן. ביטרים ערשיינט בלאַס און דערשלאָגען.

ביטרעס

העלאָ, איז מיין ליזעטשקע יעצט דאָ.

יוסף אלי

ניין. זי איז ארוים מיט יאשאַן אביסעל פאַר א וואָק.

ביטרעס

און וואו איז מיין פאַפּאַ?

יוסף אלי

איהר ווייסט דאָך, ער וויל ניט זיין א לאַפּע אויף קיינעם, פּעדעלט ער מיט צייטונגען.

ביטרעס

אָרימער טאַטע מיינער! פאַרשטעלט זיך די אויגען. וויינט.

גענענדיל

אייערע טרערען ריהרען מיך ניט, ווייל איהר זייט אליין שולדיג, פע עס איז א שאַנדע, אז ר' יחיאל אשכנזי'ס טאָכ־טער זאָל האָבען אזעלכע ביזנעס, שעמען מעגט איהר זיך.

יוסף אלי

גנענדיל! גנענדיל! וואס איז דאס פאר א רייד, ווער בעט דיך זאלסט זאגען מוסר?

גנענדיל

קוק איהם נאר אן, לעדערנער דישעל, וואס דו ביזט, פאר יע־דען איינעם שעמט זיך דאס, און טאמער דערזעהט דאס א טרער, צוגעהט זיך דאס הערצעלע, א שעהנער מאנסביל ביזטו, געה שטעל זיך אין א ווינקעלע און וויין זיך אוים.

ביטרעס

איהר האט רעכט גנענדיל, איך האב נים פארדיענט קיין מיטלייד, איך בין אלעם אין דער קאורט, אבער איך קום נע־נוג אפ, אין די גרעסטע קעלטען שטעה איך גאנצע טעג און וואטש אייער טיר, פיליכט וועל איך זעהן מיין ליזעטשקע'ן און ווען זי שפאצירט מיט יאשען געה איך זיי נאך פון ווייטענס, זיי זאלען מיך נים באמערקען, און ווען קיינער זעהט נים בויג איך זיך אן און גלעט דאס פלאץ וואו זי האט גע־טראטען, אבער היינט אין איהר חתונה טאג, מיין הארץ, מיין הארץ וועט צורייסען ווערען אויב איך וועל זי נים זעהן, איך וועל פאלען צו איהרע פיס, וועל זי בעטען זי זאל מיך לאזען שטעהן פון ווייטענס, איך מוז, איך מוז.

גנענדיל

עס וועט זיין אומזיסט אייער בעטען, ווען זי זאל אפילו ווע־לען, וועט אייער פאטער נים דערלאזען, און אייער שמואל קען חלילה שטארבען ווען ער זאל אייך זעהן.

ביטרעס

איך וויל נאר שטעהן פון ווייטענס, איך וועל זיי שווערען, אז איך אליין בין ריין פון זינד.

גנענדיל

וויים איך וואס, איך וויים איין זאך, אז מען האנדעלט מיט פאלע שמירט מען זיך אוים, וואס זאגסטו מיין גרויסער חעלד?

יוסף אלי

איך, איך, זאג גאר נים, דו האסט שוין געזאגט פאר מיר

אויך. איך האָב גראָד יאָ עפּעס געוואָלט זאָגען, נאָר ווי נע־
וויינטליך, פארגעסען.

עס עפענט זיך די טיר, יחיאל ערשיינט מיט א שטעקען און ציטונגען,
דערזעהט זיי. די ציטונגען פאלען איהם ארויס פון האַנט.

יחיאל

דו דאַ?

יוסף אלי

טוט אַ ציה געגענדיל. איך האָב דיר באראפט עפעס זאָגען.
אַפּ.

ביטרעס

איך וויל זאָלסט מיר ערלויבען צו זיין ביי מיין ליזעטשקע׳ס חתונה.

יחיאל

ווּאַס? דו זאָלסט זיין צו דער חתונה? ציטערט. ארויס
פון דאנעט, איך צושפאלט דיר דעם קאָפּ מיט דעם שטעקען.
ארויס! ארויס! די מינוט, מכשפה וואָס דו ביזט.

ביטרעס

וויינט.

טאטעניו, פארטרייב מיך ניט, אוי מיין הארץ! טאטע, ווי
קענסטו זעהן אזוי דיין קינד ליידען און קיין מיטלייד ניט
האָבען?

יחיאל

**מיין קינד! ניין, איך האָב דיך אויסגעמעקט, ארויסגעריסען
פון מיין הארצען, פאר מיר ביזטו א געשטאָרבענע, האָסט
געשוואָרען ביי מיין גרייז גראָהען קאָפּ, ביי מיין אידישקייט,
און אזוי האָסטו געהאַלטען דיין שבועה?**

ביטרעס

טאטעניו! טאטעניו! ווייסטו וואָס עס מיינט פאר מיר
היינטיגער אָווענט? באגרייפסטו דאָס? וויפיעל טרערען
און געבעט פארגיסט א מוטער, בעטענדיג, אז זי זאָל דער־
לעבען צו הערען ווען איהר טאָכטער׳ס באשערטער טוט איהר
אָן דאָס רינגעל און זאָגט דעם הרי את, די בעסטע מוזיק
איז דאָך דאָס פאר א מוטער, און דיזען קלאַפּט זיך אין האַר־

צען פארגעניגען ווילסטו ביי מיר צונעמען? איך וועל דאָס נים אויסהאַלטען.

יחיאל

יעצט איז זי געוואָרען ביי דיר טייער, און ווארום האָסטו דאַן נים געדענקט פון איהר? ווארום האָסטו גענומען איהר פאָטער און איהם אומגליקליך געמאכט אויף אייביג, ווארום פרעג איך דיך?

ביטרעס

טאטעניו, הער מיך אוים. פאַלט צו זיינע פיס. איך האָב דאָס נים געטאָן פאר וואוילטאָג, מיר זיינען געקומען קיין אמעריקא, ער האָט קיין ארבייט נים געהאט, איך האָב באדארפט שיקען ליזעטשקען געלט זיך צו היילען די אויגען, איך האָב זעהר געביינקט נאָך איהר, נאָך זיינע פארדיענסטען נאָך וואָלט איך זי קיינמאָל נים געקענט איבערברענגען, דאַן האָט ער זיך אונטערגעכאַפּט און מיר געמאכט דעם פאָרשלאַג, פון אָנפאנג האָב איך נים געוואָלט הערען פון דעם, אָבער ווען עס איז מיר אָנגעקומען די הארצרייסענדע לעטערס פון ליזעטשקען, שרייבענדיג אז מען איז דאָרט נים זיכער מיט'ן לעבען, דאַן וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? ער האָט מיך אריינגעצויגען אין דער נעץ, אָבער איך אליין, איך בין געבליבען ריין, ריין. איך קען דיר שווערען.

יחיאל

שווערסט שוין ווידער אמאָל, דיין שבועה איז ביי מיר אזוי הייליג, ווי יענער חזיר'על איז כשר. איך, איך בין געגאנגען יענעם מסור'ן, ווארום ער האלט א חזיר, און ביי מיר אין הויז, זנות, שמוץ, הפקרות, אויסגעלאסענהייט, דארום האָסטו געוואָלט פאָהרען קיין אמעריקא? פרייהייט! פרייהייט, פוי זאָלסטו ווערען מיט אזא פרייהייט. רייסט זיך ארוים און פארשווינדט. זי בלייבט ליגען און וויינט.

גענענדיל

קומט אריין.

ביטרעס! ליזע און יאשע קומען, איהר ווילט זיי זעהן?

ביטרעס

גענענדיל, ניין! ניין! איך געה, איך געה, איך וויל איהר ניט פארשטערען, אבער איין זאך וויל איך אייך בעטען.

גענענדיל

וואס?

ביטרעס

איהר זייט דאך אויך א מוטער, איהר האט דאך א מאטער הארץ, איך בעט אייך לאזט מיך אריין אויף דער צווייטער טיר צו אייך אין בעד רום א פאר מינוט בעפאר דער חופה, זיי זאלען ניט וויסען, איך וויל נאר הערען יע? יע! בליבט, אטעמט שווער.

גענענדיל

ווישט זיך די אויגען.

יע, יע.

ביטרעס

כאפט איהר האנט, קושט.

איהר זייט זעהר א גוטע, איך וועל אייך קיין מאל ניט פאר־געסען.

גענענדיל

געהט שנעלער, זיי קומען גלייך.

ביטרעס

איך געה שוין, נאר נאט אייך דעם ענוועלאפ. גיט איהר. גיט דאס מיין ליזעטשקע בעפאר דער חופה, זאגט איהר, אז עס איז אנגעקומען מיט דער מייל, און איהר ווייסט ניט פון וועמען, יע יע?

גענענדיל

יע. קומט מיט א שטונדע שפעטער, ווייל די חופה וועט זיין פארפריה, זיי פאסטען געבעך א גאנצען טאג.

ביטרעס

אוי! אוי! מיר זאל זיין פאר איהרע ביינער. איך געה! געה! איך וויל ניט פארשטערען איהר גליקליכען טאג. אפ.

יאשא און ליזעטשקע ערשיינען געארעמט.

יאַשאַ

קוק ליזעטשקע, ווי שעהן זיי האָבען אויפגעפּיקט, פראכט־פול, ניט אזוי? טייערע. קושט זי.

ליזע

יע, יאשעטשקע! אָבער מיר, מיר, איך בין די גליקליכסטע און אויך די אומגליקליכסטע. וויינט.

יאַשאַ

ליזעטשקע ניט וויין, דו ביזט דאָך עפּעס א העלד, דו האָסט דאָך מיר געצייגט איין מאָל, אז דו ווילסט זיך באהערשען און ניט וויינען, קענסטו?

ליזע

יאָ, דאן! דאן איז דאָס געוועזען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב פארזוכט דעם טעם פון ביטערקייט, יעצט איז דאָס שוין עטליכע מאָל, און צוביסלעך פארלירט מען דעם מוט.

יאַשאַ

מען טאָר ניט פארלירען קיין מוט, איך בעט דיך, שטארק זיך.

ליזע

דאן האָב איך פארלוירען מיין מוטער נאָר אויף א קורצער צייט, און בין געוועזען פול מיט האָפנונג זי שנעל ווידער צו זעהן, יעצט אָבער איז זי פארלוירען פאר מיר אויף איי־ביג, און איך נויטיג זיך זעהר אין א מוטערס ליעבע, אזוי נויטיג.

יאַשאַ

אָבער היינט איז דאָך אונזער גליקליכסטער טאָג, א טאָג אויף וועלכען מיר האָבען געוואַרט אזוי לאנג, מיר פאר־איינינגען זיך, מיר ווערן זעלבסטשטענדיגע מענשען, איך בעט דיך טייערע ניט צושטער אונזער גליק!

ליזע

האָסט רעכט. ענטשולדיג מיר, דו ביזט דאָך אזא גוטינקער, האָסט דיך געאָפּפערט מיט דיין קאריערע, דו פארפליכטסט זיך צו זאָרגען פאר מיין אָרימען פאפא, ניין! ניין! צוליעב

דיר, נאָר צוליעב דיר וועל איך זיך באהערשען. קושט איהם, פרעסט איהם צו זיך.

שמואל ערשיינט.

ליזע

בשמערקט איהם, כאַפּט איהם אַרום.

פּאפּעניו, ווי אזוי פיהלסטו?

שמואל

קושט זי. צייגט, אַז זי זאָל זיך קושען מיט יאשען. זיי טוען אַזוי. ער גלעט זיי, צייגט ארוים פיעל פרייד געמישט מיט געוויין, בעט זיי זאָלען זיך געהן אָנטאָן.

ליזע

ווילסט מיר זאָלען זיך געהן אָנטאָן? יע פּאפּאשע, געה יאשע געה עס וועלען באלד קומען געסט. קושט דעם פּאָטער. אָרימער פּא מיינער, ווי אומגליקליך דו ביזט.

שמואל

שאָקעלט אויף ניין, צייגט אַז ער איז פרעהליך, ער וואָלט געטאַנצט פאַר שמחה. ליזע און יאשא אָפּ. ער באַטראַכט דעם טיש, געהט צום פּלאַץ וואו חתן כלה דארפען זיצען בויגט צוזאמען די צוויי שטולען, פרעסט זיי צום הארצען, קושט זיי און וויינט שטיל. גענענדיל ערשיינט.

שמואל

גיט איהר די האַנט, שלעפּט זי, רעדט צו איהר, זי פארשטעהט איהם ניט.

גענענדיל

איך פארשטעה ניט א וואָרט, יוסף אלי, יוסף אלי קום נאָר אהער, איך ווייס ניט צו איך זאָל זאָגען יאָ אָדער ניין.

יוסף אלי

ערשיינט, אָנגעטאָן אָהן דעם קראַוואַט.

וואָס איז געשעהן, ווילסט שוין ווידער מיר זאָלען טרינקען לחים?

גענענדיל

וואָס פאר א לחים? ער נעבעך רעדט צו מיר און איך פאַרשטעה ניט.

יוסף אלי

וואָס זאָגט איהר מחותן?

שמואל

גיט איהם די האַנט, זאָגט איהם דאַסזעלבע. ער פארשטעהט ניט.

יוסף אלי

שא, אַט איז דאָ א פייפער. דערלאַנגט איהם.

ציוגט א „ג"׳ יוסף אלי פארשרייבט, און אַזוי ציוגט ער איהם דאָס וואָרט ג ל י ק ל י ך.

יוסף אלי

גלעקלעך? נאָך וואָס דארפט איהר גלעקלעך?

שמואל

ציוגט איהם ער זאָל נאָכאַמאָל לעזען.

יוסף אלי

איך פארשטעה, גליקליך, איהר זייט גליקליך?

שמואל

כאַפּט זיין האַנט, דריקט שטאַרק. אָה! אָה! אָה!

יוסף אלי

פיליכט וועט איהר טרינקען לחים? גיסט אָן צוויי גלעזלעך.

שמואל

מוטשעט זיך, ללל...

יוסף אלי

לחים, לחים!

שמואל

מ, מ, מ,

יוסף אלי

לחים מחותן מיינט איהר.

יוסף אלי

כאַפּט איהם אָרום קושען.

גענענדיל

ערשיינט.

אַט קומען שוין געסט. שלימזאלניק איינער, האָסט דאָך פארגעסען דעם טאַי.

יוסף אלי ז
טאקע?ווירקליך? ווי אזוי האָט דאָס געקענט פּאסירען
ביי מיר? עס קומען געסט מיט אַ רעווערענד.

גענענדיל
זייט אזוי גוט און געהט אריין אין יענער רום מקבל פּנים
זיין דעם חתן, און מען וועט גלייך שטעלען די חופּה.
אַלע אָפּ. אַ קלאַפּ אין טיר.

גענענדיל
עפענט די טיר. ביטרים ערשיינט מיט דראַ'ן. פארוויינט.
ניט וואָס איהר זייט געקומען, עס געהט באלד זיין די חופּה.

ביטרעם
האָט איהר עפּעס גערעדט מיט ליזעטשקע וועגען מיר?

גענענדיל
ניין. זי טוט זיך אָן. איך וועל זי אריינרופען און איהר
שטעלט זיך דאָ אונטערן קוירטען און איהר וועט קענען
אלעס הערען וואָס זי זאָגט, אָבער איך בעט אייך פארשטערט
איהר ניט דאָס ביסעלע פארגעניגען?

ביטרעם
פארשטערען איהר? ניין קיין מאָל ניט. איך וועל בעסער
שטארבען, און איהר ניט שטערען. אוי מיין הארץ, מיין
הארץ, דראַ האלט מיך, פיהר מיך, איך וויל ניט שטארבען
בעפאָר דער חופּה, ווייל מען וועט אָפּלייגען די חופּה, קום,
קום. זיי שטעלען זיך אונטערן קוירטען.

גענענדיל
ליזעטשקע! ליזעטשקע! ביזט שוין געדרעסט? זיי אזוי גוט
און קום ארויס.

ליזע
ערשיינט געדרעסט.
וואָס האָט איהר מיך באדארפט מחותנת'טע?

גענענדיל
אָה ווי שעהן דו קוקסט אויס! היינט ביינאכט, טאקע ווי
אַ כלה.

ליזע

יע? זיפצט. ביטרעס צונעמט דעם קוירטען אביסעל, פאלט צוריק אויף דאראַ'ן.

גענענדיל

ליזעטשקע, איך האב היינט געקראגען א לעטער פאר דיר.

גיט איהר.

ליזע

באקוקט די האנדשריפט.

נישט קיין באקאנטע האנטשריפט. עפענט אויף. עס ליגט בילס. געלט! קיין נאמען גיט? ביטרעס צוריק ווידער דעם קוירטען.

גענענדעל מאכט מיט די הענט זי זאל פארציהען.

גענענדיל

עס מוז זיין פון דיינעם א גוטען פריינד, און ער וויל ניט אז זאלסט וויסען.

ליזע

ניין! ניין! איך וויים ווערען דאס געלט איז, ניין אזא געלט קען איך ניט נעמען, ווארום האט איהר מיר דאס גע־געבען? צו וואס? צו וואס? האט זי אויפגעדעקט די וואונד, ווארום? ווארום? האב איך דען קארג געליטען? א שליידער דאס געלט אין דער ריכטונג וואו ביטרעס. נעמט דאס צו פון מיינע אויגען, עס ברענט מיך, עס שטעכט מיך, מחותנת'טע, ווארום האט מיר מיין אייגענע מוטער פארשאפט אזוי פיעל שמערצען, זייט איהר צו מיר א מוטער. פאלט אויף איהר און וויינט.

גענענדיל

וויינט שטיל, גלעט זי.

מיין טייער קינד, עס איז דאך פארט א מוטער, זי האט דאך דאס אלעס געטאן צוליעב דיר, זי האט דיך געוואלט ברענ־גען אהער, פיליכט ליזעטשקע, וואלט מען זי נעשיקט רו־פען, זי זאל דא זיין צו דער חופה, פיליכט? דו ווייסט וויפיעל זי ליידעט נעבעך איצט.

ליזע

איך וויים! איך ווייס, איך לייד נאך פיעל מעהר פון איהר,

אָה! מוטער! מוטער! בימרעס רייסט זיך, דאָרא האַלט זי צו. ווי איך דארף דיך יעצט, אָבער ווי אַזוי קען איך, איך וואָלט איהר פארגיבען דעם פארברעכען פון איהר האנדעל, אָבער דאָס וואָס זי האָט געטאָן צו מיין פאָטער? צו מיין אָרימען פאפא? ער? אָדער זי? ער מיט איהר צוזאמען קענען נית זיין ביי מיין חופה און אויב איך דארף אויסקלייבען, דאן, דאָן, איז דאָס מיין אָרימער ליבער פאפאשע, זי מוז איך ארויסרייסען פון מיין הארצען, איך טאָר פון איהר קיין מאָל נית טראכטען, קיין מאָל נית.

יאָשא

ערשיינט.

ליזעטשקע דו האָסט געוויינט? וואו איז דיין פראמים?

ליזע

ניין יאשע, עס איז גאָרנית, גאָרנית, ווייסט דאָך פאר א חופה איז גוט צו וויינען, מען בעט אוים א גליקליך לעבען.

יוסף אלי ז

לויפט אַריין.

מען דארף שטעלען די חופה. מען שטעלט די חופה און מען צינדט אָן ליכט.

שמואל

באַגעגענט יחיאל'ן, פאלט אויף זיין האַלז און שרייט מ, מ, מ, מען פארשטעהט נית.

ליזע

טאטעניו, וואָס זאָגסטו? וואָס ווילסטו?

שמואל

דרעהט זיך אַרום, בעט זיך ביי יעדען איינעם, מ, מ, מ.

רעווערענד

פיליכט מיינט איהר מזל טוב, מזל טוב.

שמואל

דריקט אַיהם די האַנט, שלעפט איהם צו יחיאל'ן, נעמט איהם אַרום און הייסט איהם זאָגען מזל טוב, מזל טוב.

מען פיהרט חתן כלה, בימרעס צוריקט דעם קוירטען, זיפצט, קרעכ, קרעכצט, האַלט זיך ביים האַרצען.

בימרעם
שטיל.

ליזעטשקע! ליזעטשקע!

רעוורענד

די כלה האָט קיין מוטער ניט, מען דארף מאכען אן אל מלא רחמים!

שמואל

מאַכט מיט די הענט נאָ! נאָ!

ליזע

טאטע, זיידעניו. ווערט היסטעריש, רייסט זיך די האָר. מוטער! מוטער!

שמואל

באַפט זי אַרום, גלעט זי, קושט זי.

יחיאל

זי האָט קיין מוטער ניט, אָבער איהר דארפט ניט מאכען קיין מלא.

בימרעם

מיט אַ געשריי.

טאַכטער! פאלט. מאכט א מלא. פ ע ר ג י ב מ י ר.
שטאַרבט.

ליזע

מוטער! מוטער! זי רייסט זיך, שמואל לאָזט ניט, זי פאלט אויף איהר און וויינט.

יחיאל

טאַכטער, טייער האָסטו באצאָהלט פאר דער פרייהייט, וואָס דו האָסט געזוכט.

אַלע וויינען.

פ א ר ה א נ ג.